# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 232 · פרשת ואתחנן · תשפ"ד

# וויכטיגע זיצונגען אין די קהילה



## שטעטל נייעס:
זיצונג אין קרית ברסלב צווישן עסקני קהילות אין אפסטעיט

## גערדאנקען:
דיין קינד גייט הייסן א ברסלב'ער?!

## צום פינטל:
ניין! דו ביסט נישט עולה!

## מסיבת אנשי חיל דעם זונטאג נאכט

קרית ברסלב בלעטל

פרשת ואתחנן תשפ"ד • 232

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



4 ניין! דו ביסט נישט עולה!

8 זיצונג פון עסקנים

28 געצאלט האלב פרייז פארן באן


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


| | |
|---|---|
| 7 | אלץ און אלעמען |
| 8 | שטעטל נייעס |
| 10 | היכל הקודש נייעס |
| 12 | פנינים |
| 39 | פאר די ברסלב'ע שטוב |
| 49 | קינדער בלעטל |


## זמנים

פרשת ואתחנן י"ג אב

הדלקת הנרות.. 07:38
מוצאי שבת...... 09:08

מנחה מעריב עקב.... 08:45

# דיין חבר
# וואנדערט זיך
# פארוואס דו
# בעהטסט
# נישט מער

פון רבין נעמט
יעדער חיזוק

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

הלעפט די פלאץ וואס העלפט מיך

charidy.com/breslev

ט״ז - י״ח אב

*sruliHeskel

# צום פינטל

## ניין! דו ביסט נישט עולה!

היינט איז דאס גאר אן אנדערן סטיל דין תורה פון אלעמאל, די היינטיגע דין תורה וואס ציט די אינטערעסע פונעם ברייטן ציבור, איז גאר עפעס אנדערש.

יעדן טאג זיצט נעבעך דער רב און פארברענגט זיין טייערע צייט אויסגלייכן די דיפערענצן צווישן זונדל, מיט... זיינע בעלי דינים, יא, די בעלי דינים זענען אלעמאל אנדערע מענטשן, אבער דער צד שכנגד איז אלעמאל דאס זעלבע, דער באגאבונד, דער שווינדלער, דער אונטערוועלטניק, דער מאפיאנער זונדל, אונזער אלעמען באקאנטער זונדל מאכט זיכער אז די מעמדות וואס דער רב באקומט זאל זיך אים קומען ערליך, ער זאל חס ושלום נישט באקומען דעם קהל'ס געהאלט פאר אומזיסט, דער רב ארבעט טאקע ביטער שווער, יעדע טאג מיט א פרישן פרשה אין וואס זונדל דרייט אים אריין.

עס געלונגט אים פאר דעם זונדל'ן, אלעמאל טרעפט ער איינעם וואס האט זיך מיט אים אנגעהויבן... איינעם וואס האט אים בא'גנב'עט... מען דרייט אהין מען דרייט אהער, און מען געפינט זיך ווידערביים רב אין בית דין שטיבל.

איר ווייסט דאך אוודאי די מעשה ווען עס האט פאסירט, עס איז אדורך דריי טעג און מען האט זונדלען נישט געזען אין בית דין שטיבל, ווען ער איז ווידער געקומען און דער רב ווייזט אים אזוי... זונדל וואס גייט פאר... אזוי לאנג נישט געזען, "אה דאס איז פשוט" - פארענטפערט זיך זונדל - "איך האב געהאט א שווערע סיכסוך מיט איינעם האב איך נישט געקענט קומען..." איר קענט די מעשה מיט א דאקטער און פאציענט... אבער נאכגייענדיג די מקור שטעלט זיך ארויס אז ארגינעל קומט די מעשה דא.

א שיינעם דאנערשטאג נאכמיטאג, זונדל כאפט א שפאציר מיט ס'ווייב רייזל. רייזל א אשה כשרה וצנועה, אלע שבחים וואס מיר האבן אויסגערעכנט אויף איר מאן, זי איז פונקט קאפויער, א איידעלע נשמה, א ריכטיגע אשת חיל. פאר רייזל איז נעבעך צוגעפאלן צו פארברענגען איר לעבן מיט דעם שטאט'ס גנב, זי נעמט עס אן באהבה, א ריכטיגע אשה כשרה העושה רצון בעלה.

היינט שפאצירן זיי אינעם גארטן פארנט פון זייער הויז, די ציגן קומען צו לויפן פון רעכטס, די שאף פון לינקס, הינדעלעך טאנצן א שיינעם קאדאטשקע, און אזוי ווי א חתן כלה שפאצירט זונדל מיט זיין אשת חיל אינדערמיט. אבער דא קומט דער באקאנטער שעפעלע, מאנכע זאגן אז דאס מוז זיין עפעס א גילגול... דאס געשעט אלעמאל ווען ער דערזעט דאס קָאפּל שפאצירן אינאיינעם, איז ער דא, ויבא, ווי א נודניק דרייט ער זיך אונטער די פיס, ער לאזט נישט קיין מנוחה, דרייט זיך, באהאלט זיך אונטערן פויערישן אויבראק, פונקט ווי דו, דאס איז דאך דיין מאמע'ס משפחה, זיי זענען אזעלכע נודניקעס, רייזל ענטפערט נישט, זי איז מקבל איר פארציע באהבה,

דער לאזט נישט קיין מנוחה, בייזערט זיך זונדל, אפילו נאכן כאפן מיט די פויערישע מאראסטיגע שיך, אזעלכע שטויסעס וואס נאר זונדל ווייסט ווי אזוי מען געבט דאס, דער שעפעלע ווי א בהמה קומט צוריק, אההה... עס פאלט אים איין א גוט'ס, זונדל שרייט אויס מיט עקסטאז 'הרי זו עולה'! געענדיגט! יעדע זאך האט א שיעור! רייזל טוישט קאלירן, "וואס האסטו געזאגט יעצט? 'רייזי עולה'? וואס? דו גייסט מיר קויפן א עליה דעם שבת? איך וועל דארפן אראפקומען פון ווייבער שול עולה זיין לתורה, ביסט אויפן קאפ געפאלן, ווי איז צניעות, ווי איז איידלקייט?" שרייט זי מיט תמימות, "קויפסט מיר אן עליה? אז דו האסט איבעריג געלט קויף מיר א נייע קלייד וואס איך בעט דיר שוין יארן, געב מיר א רוימערקע זאל מיר העלפן מייט די שטוב ארבעט".

די גאנצע כעס גיסט זיך איבער יעצט ווען רייזל האט אנגענומען בתמימות אז

עס גייט טאקע געשען, איר זונדל גייט איר קויפן אן עלי', אביסל וועזעלין פאר מיין אויסגעטריקענטע ליפן פארגינסטו מיך נישט... איך דארף נישט קיין עלי'. "ניין ניין" שרייט זונדל "די עם הארצ'טע, איך האב נישט געזאגט אן עלי' לתורה, 'א קרבן עולה'".

רייזל ווערט בלאס, זי ווייסט אז ביי זונדל איז נישט דא קיין מעשיות, געזאגט און געטאן געטאן און געזאגט, עס כאפט איר א ציטער, זי הייבט אן זאגן וידוי, זו ווייסט אז זונדל זאגט אז ער גייט איר מקריב זיין, איז זיין ווארט א ווארט, זי וויל כאפן הענט און פיס, ווער ווייסט וואס גייט אים נאך איינפאלן 'רייזי עולה' ...

לויף נישט! כאפ נישט! ציטער נישט! איך ווייס נישט וואס דו ביסט געווארן אזוי אויס מענטש, איך האב סך הכל געזען די שפעלע לאזט מיר נישט קיין מנוחה, האב איך מחליט געווען איך בין אים מקדיש פאר א קרבן עולה, גארנישט מער, איך האב געזאגט 'הרי זו עולה' גארנישט קיין רייזי, פערצופאל דאסמאל האט עס גראדע גארנישט מיט דיר.

העי', אבער ס'גארנישט אזוי פשוט, דעם צרה'לייטישן שפעלע הערט נישט אויף, זונדל געבט זיך נישט קיין עצה מיט אים, א מזל דער רב מיט די גבאים שפאצירן יעצט אריבער, מיט א שמייכל לויפט ער צו צום רב "נא דיר, דאס שפעלע איז פארן רב אויף שבת צו מאכן". "אה זייער שיין ר' זונדל, שכח, פשי א פעט קעלבל." נו דער רב טראגט דאך שוין איין שפעלע אונטערן ארעם - ס'טלית בייטל, נו דער גבאי ווערט מכובד צו שלעפן דעם אָקסל.

א געהויבענעם שבת אריבער ברוך השם.

זונטאג אינדערפרי, א קלאפ אין טיר! די רעבעצין עפנט אויף אהההה! רייזל, אזוי שיין פון ענק, אזא שיינע מתנה האט איר געשיקט לכבוד שבת, די וואך האבן מיר שוין געהאט אנגעגרייט דאס פלייש, אבער נישט געזארגט מיר האבן עס אוועקגעלייגט פאר קומענדיגע וואך.

"אוי, שכח אייבערשטער" שרייט רייזל אויס, איך האב געוואוסט אז עס וועט נישט ארויסקומען קיין מכשול.

"וואס גייט פאר, רעד צו מיר, וואס ביסטו אזוי בלאס, דארפסט אפשר וואסער?"

"ניין, די שפעלע איז הקדש, מיין מאן האט עס אפאר מינוט בעפאר מקדיש געווען פארן מזבח."

"א עולה? מזבח? וואס עולה אין קאפ אריין."

"יא מיין מאן האט געזאגט אויף דעם בהמה וואס ער האט געגעבן פארן רב 'הרי זו עולה'."

די פיטש פון די ביז יעצטיגע רואיגע שמועס ווערט געהעכערט פון נידריגע טענער, די רעבעצין שרייט מיט כעס: "ווער איז דיין מאן בכלל צו זאגן? ווער האט אים געפרעגט? דער איז דאך א פאלנער ליגנער! א גנב, זיין ווארט איז נישט ווערד קיין סענט, ער קען זאגן ביז איבערמארגן."




לאמיר אריינגיין צום רב, די רעבעצין שטורעמט אריין צום רב, און שרייט אויס: "עס איז שקר וכזב דער שאף איז בכלל נישט הקדש."

"א מינוט א מינוט, וואס גייט פאר, וועלכע שאף, וואסערע הקדש, בארואיג דיך, קום אריין קלאר."

"יא" זאגט גיטל מיט א שטילע אבער זיכערע טאן "אבער מיין מאן האט עס מקדיש געווען, ער האט געזאגט הרי זו עולה."

דער רב ווערט ווייס ווי די וואנט, קלאפט צאם מיט די הענט, "געלויבט דער אייבערשטער, פחד פחדים יא 'עס איז א עולה' איין מזל מיר האבן עס נישט גע'שחט'ן און געגעסן עס וואלט געווען געהעריג...."

"אבער ווער איז זונדל בכלל" - פארשטייט נישט די רעבעצין - "ווער איז ער צו זאגן, אויך מיר א תנא קמא, ווער האט אים געפרעגט, עולה שמולה, וואסערע ווערד האבן ווערטער פון אזא יונגאטש ווי זונדל, ווער נאך ווי דער רב ווייסט וואסערע אונטערוועלטניק דער איז."

די געשרייען גייען ארויף צו העכערע טענער, די רעבעצין שרייט מיט באנומענע קולות "וואספארא ווערד האט די ווערטער פון אזא איינער וואס דאס פנים פלאמט אים אויף פאר בושה ווען מען האט אים געכאפט זאגן אן אמת..."

רייזל בלייבט נישט שולדיג, זי ווייסט ווי גערעכט די רעבעצין איז, ווער נאך ווי זי קען איר צדיק'ל, אבער ווי קען זי שטיין גלייכגילטיג הערן ווי מען זאגט אפן דאס אמת איבער איר מאן.

די קולות דערטראגן זיך אין גאס, עס ווערט אן אנלויפעניש פון מענטשן. קוים וואס דער רב האט געקענט אראפברענגען די טענער.

די שארפע אויגן וואס דער רב האט שטייטליך אריבערגעפירט איבער דעם גאנצן אוידיענץ האבן אין א מינוט שטיל

געמאכט די געפילדער, דער רב ערקלערט קורץ: "אפגעזען ווער דער מענטש איז, אפגעזען וואס ער האט באמת געמיינט, אפגעזען וואסערע בעל עבירה דער איז, אפגעזען צו לגיונות זענען ביי אים גארנישט, אז ער זאגט ארויס "דאס בהמה'לע איז אן עולה" ווערט עס אן עולה, און אויב חס ושלום איינער עסט דערפון אדער באניצט זיך דערמיט, ווערט ער מחויב מיט כרת רחמנא לצלן."

עס האט נישט געהאלפן קיין שום הסברים, פון די אלע אנוועזענדע וואס האבן געוואלט פארשטיין, און פארשטיין געבן, ווי קען דער מגושמ'ער בעל עבירה מאכן אז דער דערהויבענער געטליכער רב זאל ארייפאלן אין א איסור כרת. דער רב האט שארף קלארגעשטעלט "אלע געפילן אין א זייט, הלכה איז הלכה."

אבער נישט פון דעם דין תורה האבן מיר גערעדט, עס טוט זיך, עס רעש'ט זיך, א דין תורה, אן אנדערע סטיל דין תורה, עס איז נישט קיין דין תורה וואס מיר זעען מיט אונזערע פארעווע אויגן... פליישיגע אויגן? איין מינוט די ניין טעג...

היינט איז דאס גאר אן אנדערן סטיל דין תורה פון אלעמאל, די היינטיגע דין תורה וואס ציט די אינטערעסע פונעם ברייטן ציבור, איז גאר עפעס אנדערש.

עס טוט זיך א דין תורה, עס רעש'ט זיך הימלען, עס איז ארויפגעקומען א ווארט, א ווארט פון א אידיש מויל. עס ווערט אן איבערקערעניש, בית דין של מעלה, אלע זענען מודה, אלע זענען מסכים, אפגערעדט די שווארצע מלאכים, אבער דאסמאל - א וואונדער - אפילו די ווייסע מלאכים די סנגורים, אפילו די מלאכים וואס קענען אלעמאל טרעפן פון אונטער דער ערד א לימוד זכות, דאסמאל קענען זיי גארנישט טרעפן אויף דער געמיינער, שמוציגער, בעל עבירה.

אלע טענה'ן פה אחד: עד כאן, עד כאן, אלעס האט א שיעור, ווער איז ער? וואס איז ער? זיין ווארט איז נישט קיין ווארט, זיין ווארט האט נישט קיין האפט, וואס איז יעצט פלוצלונג געשען, ווייל ער זאגן א ווארט צום הייליגן קודשא ברוך הוא "הייליגער באשעפער איך וויל מיך צוריקקערן צו דיר, הייליגער באשעפער איך וויל א שיינע לעבן, הייליגער באשעפער איך בין אזוי געדרוקט, איך ווייס אז איך זינדיג און איך פאל, עס איז נישט דא אזא ארגע מענטש ווי איך, אבער העלף מיר אפילו איך בין אזוי טיף."

געוואלד: די ווערטער שפאלטן הימלען!

אבער די בית דין של מעלה, די מלאכים, אלע טענה'ן "העי וואס גייט פאר, פארוואס קומען אן די ווערטער דא, פארוואס שפאלט עס הימלען, זיין מויל איז דאך א שמוציג מויל, זיינע אויגן זענען טומאה, זיין הארץ איז עבירות, זיינע הענט זענען ידי עשו, זיין גאנצע מח איז פארקלעבט צום סמ"ך מ"ם, מיט וואסערע רעכט שפאלטן זיינע ווערטער הימלען, מיט וואסערע רעכט קומען אן זיינע ווערטער ביזן כסא הכבוד, עס רעש'ט, עס טומלט, עס..." מען קען נישט אפשטעלן די געשרייען, די פראטעסטן. עס ווערט פארוואנדלט אין א ערנסטע סענזאציע, בשום אופן מען קען עס נישט צולאזן.

"וואס זענען ווערד זיינע ווערטער, פארוואס זאל דער אייבערשטער אנעמען זיינע ווערטער, ער מיינט עס נישט אמת'דיג."

"תורה לא בשמים הוא" ווערט שארף איינגעשטילט די געפילדער.

"אויב די הלכה איז ווען ער זאגט 'הרי זו עולה' ווערט עס הייליג איז ווען ער זאגט 'באשעפער איך וויל מיר צוריקקערן' ווערט ער הייליג."

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וואס מיינט פראצענט?

**שאלה: איך שעם זיך אביסל צו פרעגן מיין שאלה, ווייל איך מיין אז עס איז ממש א פשוט'ע זאך וואס יעדער ווייסט. מיין שאלה איז וואס מיינט "פראצענט", וואס מיינט אז עפעס איז 15 פראצענט ביליגער? וויאזוי רעכנט מען עס אויס?**

**ענטפער:** חז"ל זאגן אונז "לא הביישן למד", האסט זייער גוט געטון אז דו פרעגסט, ווייל נאר אזוי קען מען זיך אויסלערנען נייע זאכן.

די ענטפער צו דיין שאלה אויף א פשוטע וועג ליגט אין די ווערטער "פראצענט", וואס איז א ווארט וואס שטאמט פון "פער הונדערט", דאס מיינט אז ווען איך נעם דעם נומער וואס איך וויל רעכענען דערפון פראצענט דארף איך עס קודם צעטיילן אויף הונדערט, און דערנאך נעמען כך וכך הונדערטערס דערפון. אין אנדערע ווערטער פופצן פראצענט פון עפעס, מיינט פופצן הונדערטלעך דערפון.

צום ביישפיל ווען דו גייסט אין געשעפט און האסט אן אויסוואל צו באקומען $20 הנחה פון יעדע אדער העכער הונדערט דאלער, אדער קענסטו נעמען 15%, וואס לוינט זיך בעסער? אויב קויפסטו פאר הונדערט דאלער לוינט זיך זיכער צו נעמען $20 הנחה, אבער ווען דו קויפסט פאר $150 דאלער, וועסטו באקומען $22.50 הנחה אויב דו נעמסט די 15%. וויאזוי ארבעט עס? צוטייל $150 אין הונדערט, יעדע הונדערטסטל (דאס מיינט איין פראצענט, אדער ווי מען שרייבט עס 1%) איז $1.50. פופצן הונדערטסלעך (פופצן טיימס איינס און א האלב) קומט אויס $22.50.

א גרינגע וועג דאס צו רעכענען מיט א קאלקיולעטאר איז 0.15*150.

עס איז זייער נוצבאר צו וויסן וואס פראצענט מיינט און וויאזוי מען רעכנט עס גרינג אויס, אבער עס איז אסאך מער וויכטיג ארויסצוהייבן דאס וואס דו שעמסט זיך נישט צו פרעגן א זאך וואס דו טראכסט איז אפשר צו פשוט. מען מעג זיך אפלערנען פון דיר זיך נישט צו שעמען און פרעגן. ווילסט עפעס פארשטיין, האסט א שאלה? פרעג דיין טאטע אדער מאמע, פרעג דיין רבי, פרעג דעם ראש ישיבה שליט"א.

אויב איינער שרייט דיך אן אדער פארשעמט דיר פארן פרעגן איז עס יענעמ'ס פראבלעם.

קוק אויף די פילע שאלות וואס מענטשן פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א, שטעל דיך פאר ווען זיי שעמען זיך צו פרעגן, וויאזוי וואלטן מיר אויסגעזען?

ס'איז דא שאלות פון אזויפיל נושאים, וואס זעט אויס אסאך מאל אזוי אינטערעסאנט פארוואס מען פרעגט בכלל אזא שאלה, אבער פאר אנדערע איז דאס גאר א וויכטיגע שאלה, און ער ווייסט נישט וויאזוי זיך צו פירן אן פרעגן. ווען ער פרעגט ווען נישט וואלט חס ושלום זיין שטוב חרוב געגאנגען, אדער זיינע קינדער וואלטן אוועקגעפאלן דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

מענטשן פרעגן דעם ראש ישיבה ווגען טערעפי. וויאזוי גייט מען ארויס פון חובות. שרעקעדיגע חלומות ביינאכט. וועגן חומרות. חינוך הילדים. וואס טוט מען ביי א יום הולדת. וויאזוי באקומט מען ישוב הדעת. כשרות. שלעכטע נאטורן. נערוועז. סגולות. סדר היום. כיבוד אב ואם. עין הרע. עלטערע יארן. פאליטיק. צניעות. קאנטרי. קאמפלימענטס. ראש השנה. שווער און שוויגער. שכחה. און נאך אסאך טאפיקס וואס מענטשן פרעגן כסדר און דער ראש ישיבה ענטפערט זיי בטוב טעם ודעת.

אפילו אויב דו שפירסט אז דו ביסט קלוג און פארשטענדליך, קענסטו זיך אליינס באגיין דיין שטעלט, איז וויכטיג זאלסט נעמען א מורה דורך, איין מענטש אויף דער וועלט וואס איז קלוגער פון דיר, איינער וואס ווייסט אייביג אליינס וואס צו טון, קומט נעבעך זייער נישט גוט אן אין זיין לעבן ברוחניות ובגשמיות, אבער דער וואס שעמט זיך נישט און פרעגט יעדע זאך, וועט אנקומען זייער ווייט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, ער וועט זוכה זיין צו ווערן אן אמת'ער ערליכער איד.

# זיצונג צווישן עסקני הקהלות אפגעהאלטן אין קריית ברסלב

פארגאנגענע וואך זענען זיך צוזאם געקומען פילע פארשטייער און עסקנים פון די פארשידענע קהילות הקדושות אין די קעטסקיל ראיאן, ווי מען האט אדורכגעשמועסט פילע נושאים, די עסקנים האבן זיך אויסגעשמועסט צווישן זיך די תחומים וואו זיי האבן אישוס מיט די רעגירונג, און מטכס עצה געווען וויאזוי מען קען ארבעטן אינאיינעם און טרעפן לעזונגען, וואס איז אסאך מער עפעקטיוו ווען מען איז אויף איין דף און מען ארבעט באחדות.

דער מיטינג איז אפגעהאלטן אין קרית ברסלב אין די אפיסעס פון "פעסט בילד" וואס געהער פאר מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, ווי עס האבן זיך אנגעזען פילע עסקנים פון די שטעט און שטעטלעך אין די אפסטעיט ניו יארק געגנטער, צווישן זיי היכל הקודש ברסלב, ישיבה סאוט פאלסבורג, וויזניץ גיבערס, ר' מתתי' רוטנער נ"י פון ליבערטי, ר' אברהם ראזענבערג נ"י פון פאלסבורג, און ר' יעקב מאנדלאוויטש נ"י פון מאנטיסעלא.

דער זיצונג איז געווען ברוך השם זייער פראדוקטיוו, ווען מען האט ארויפגעברענגט פילע נושאים וואס מען דארף זיך דורכקומען מיט די לאקאלע מוניצופאליטעט אדער מיט די קאונטי רעגירונג א שטייגער ווי די סקול דיסקטריקטן וואס מען דארף טרעפן א מהלך וויאזוי זיך אומצוגיין מיט זיי, מען זאל חלילה נישט קענען ארויפצווינגען אויף ערליכע אידן די שרעקליכע גזירות וואס די סטעיט דראעט קעגן אונזער הייליגע חינוך היל"ת. אזוי אויך האט מען גערעדט פון טרעפיק, פארשידענע אויסבעסערונגען וואס איז אין די אינטערעסע פון היימישע אידן אויף די ראודס אינעם געגענט, צווישן אנדערע האט מען ארום גערעדט איבער די ארבעט פון די עסקנים וואס לייגן אריין כוחות אז מען זאל קענען באקומען וואוטשערס פון טשיילד קעיר פאר קליינע קינדער וואס ביידע עלטערן ארבעטן.

די עסקנים לייגן אריין מחשבה אין וויאזוי מען זאל ארויסקומען ערקלערן דעם ציבור איבער די וויכטיגקייט פון ארויסגיין שטימען, ווייל כאטש נישט אלע עסקנים מוזן זיין איינשטימיג פאר וועם מען זאל גיין שטימען, זענען זיי אלע ביי די מיינונג אז די שפראך פון שטימען איז וואס א פאליטישאן פארשטייט. מיר פארשטייען אידיש, אין כינע פארשטייט מען כינעזיש, אבער א פאליטישאן

פארשטייט נאר איין שפראך "שטים שפראך". מען קען רעדן צו א פאליטישאן, אים מסביר זיין, ער וועט דיר אפילו צושאקלען מיט'ן קאפ און ארויסווייזן העפליכקייט און מיטלייד, אבער בדרך כלל איז עס אריין אין איין אויער און ארויס פון די אנדערע... אבער ווען ער זעט אז עס איז דא א ציבור וואס מאנט פון אים א דין וחשבון, עס איז דא א געגענט וואס שטימט, דארפסטו אים שוין מער גארנישט מסביר זיין, און ער ווייסט פונקטליך וואס זיינע קאנסטיטועגטס דארפן.

ערליכע אידן זענען אינטערעסירט מען זאל זיי לאזן במנוחה וואוינען, און מען זאל נישט מאכן קיין געזעצן און רעגולאציעס וואס זאל שטערן פון דינען דעם אייבערשטן, פאר די אלגעמיינע ציבור אינטערעסירט גאנץ קנאפ ווער עס איז סופערוויזער, און ווער עס פירט די קאונטי, אבער דער ערליכער ציבור פאלגט די רבנים און ווען מען בעט מען זאל טון א חסד און ארויסקומען צו וואוטן, טוט מען עס.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט פון דעם מיטינג ארויסקומען אסאך כבוד שמים און גוטע פעולות וואס וועט העלפן די געגנט וואקסן און בליען ביז משיח'ס טאג

## נייע געביידע פארן
# בית התבשיל אהל ישעי'

עס קומט אריין א פרייליכע אפדעיט פון די בארימטע בית התבשיל אין שטעטל: די הנהלת הקהילה געבט אוועק פארן בית התבשיל דעם גרויסן געביידע אויף 117 רעדקליף ראוד. דער בנין, וועלכער פארמאגט צוויי שטאק, יעדער פון זיי 5,000 סקווער פוס, וועט דינען אלס דער צענטער פון זייערע פילע הייליגע אקטיוויטעטן.

דער פלאץ געפינט זיך ביים נייעם בארדיטשוב גאס. אינעם נייעם געביידע וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף דורכפירן די כסדר'דיגע חלוקות, און וועט זיין דער צענטער פון חסד און צדקה אין שטעטל. די אויבערשטע שטאק וועט דינען אלס א קאך, וואו מענטשן וועלן קענען קומען אויפפיקן גרייטע מאכלים דורכאויס דעם גאנצן יאר, און די אונטערשטע שטאק וועט זיין די סטארעדזש, מיט גרויסע פרידזשידערס און פריזערס צו באזארגן די פילע פראיעקטן פונעם בית התבשיל.

אין צוגאב באקומט דער בית התבשיל ארום דעם בנין א שטח פון אן עיקער גרויס, וואס דערויף פלאנט מען בעזרת השם אויסצופלאסטערן א ברייטע פארקינג פלאץ גענוג פאר ארום הונדערט קארס - וואס וועט שטארק צונוץ קומען פאר די גרויסע חלוקות.

די איבערבוי ארבעט ווערט ערווארטעט זיך אנצוהייבן אין די גאר נאנטע טעג, די ארבעט נעמט אריין צו לייגן א קאנקריט פלאר, איבערמאכן די עלעקטעריק, און אינסטאלירן ריזיגע קאמערשאל פרידזשידערס און פריזערס, אזוי אז דאס זאל קענען דינען דעם צוועק פאר וועלכע מען האט עס באשטימט.

אויף דעם אויבערשטן שטאק וועט מען בויען א ריזיגע קאמערציאלער קאך, וואו עס וועלן זיך געפינען די וואלונטיר קעכערס וועלכע וועלן צושטעלן געשמאקע היימישע מאכלים וואס וועט זעטיגן יעדן הונגעריגן בעזרת השם.

מען קען נישט ענדיגן דעם באריכט אן ארויסברענגען דעם געוואלדיגן הכרת הטוב וואס עס קומט פארן פאר'ן מנהל פונעם בית התבשיל, מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, וועלכער האט ביז יעצט אוועקגעגעבן זיין אייגענע הויז פאר די אלע אקטיוויטעטן. דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט נחת און געזונט וכל טוב סלה.

אײן טאג האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז אים א חידוש אז אסאך מענטשן ווען זיי טוען א גוטע זאך, א מצוה, אדער א גוטע מנהג, און נאכדעם גייען זיי דורך א שוועריקייט, טראכטן זיי 'איך האב דאך געטון יעצט די גוטע זאך/מנהג/מצוה, פארוואס האט מיר דאס פאסירט...?' וואס האט די שוועריקייט מיט דאס וואס מען גייט אריבער? דער ראש ישיבה האט געזאגט, דער אייבערשטער זאל אים נישט פרואוון מיט שוועריקייטן, אבער ווען ער האט אן איבערגייאקטס פאלט אים נישט איין דאס צו פארבינדן מיט א גוטע זאך וואס ער האט געטון פארדעם, און טראכטן 'הלמאי איך האב דעם איבערגייאקטס, איך האב דאך יעצט געטון דאס און דאס...' א מענטש דארף אריינכאפן גוטע זאכן, מצוות און מעשים טובים, און אז ער האט חס ושלום א שוועריקייט דארף ער דאס אננעמען ווי מען נעמט אויף א שוועריקייט ל"ע, נישט צאמשטעלן, 'קוק, איך האב געטון א גוטע זאך, און יעצט לייד איך'.

שבת פרשת חזון איז געווען זייער א ליכטיגע זוהר-לערנען אין גן עדן התחתון, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געלערנט מיט זיין זון אביסל זוהר, מתובל מיט פילע חידושים נפלאים און וויכטיגע יסודות. די וואך האט דער ראש ישיבה געלערנט אין פרשת תרומה, פון דף קע"ד ע"א "רבי יהודה פתח ואמר", ביז דף קע"ה ע"א "תא חזי".

אנהויב שיעור איז געווען א שיעור אין זיך רעכענען מיט א צווייטן און אכטונג געבן נישט ווי צו טון א צווייטן, דער ראש ישיבה האט געזאגט פארן מענידזשער פון קאנטרי אילן החיים, ווי די בחורים פון ישיבה געפינען זיך דורכאויס די זומער וואכן אז ער האט געוואלט קומען קומענדיגע וואך - שבת נחמו - ווילן דארט אויף שבת, (דער ראש ישיבה האט דערמאנט אז דער הייליגער רבי האט זיך אזוי געפירט, דריי מאל א יאר האט דער רבי געוואלט מ'זאל קומען צו אים, ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות, און דריי מאל א יאר איז ער געפארן צו די תלמידים, שבת שירה, שבת נחמו און נאך א נישט באשטימטע שבת, עיין פעולת הצדיק, סימן תפג), אבער אזוי ווי ס'גייט פארקומען די באווארפן פון א חתן שבת נחמו אין האשקי שול, וויל ער נישט ווי טון דעם חתן און וואוקגיין אויף שבת, וועט ער קומען אויף אילן החיים א שבת דערויף, אי"ה.

דער ראש ישיבה האט פארגעלענט דעם שטיקל: "כָּל נִשְׁמָתִין אָתוּ מֵהַאי גּוּפָא קַדִּישָׁא", האט דער ראש ישיבה געזאגט, דאס מיינט מען וואס די גמרא זאגט (יבמות סג:): "אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף", דאס מיינט מען אז ס'איז דא א הייליגע פלאץ אויבן אין הימל, וואס פון דארט קומען אלע נשמות, און ווען דאס וועט זיך ענדיגן וועט זיין די גאולה.

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט ווייטער: "מֹשֶׁה לָא מִית. וְאִי תֵּימָא הָא כְּתִיב (דברים לא) וַיָּמָת שָׁם מֹשֶׁה. כַּךְ בְּכָל אֲתָר לְצַדִּיקַיָּא קָרֵי בְּהוּ מִיתָה. מַאי מִיתָה. מִסִּטְרָא דִּילָן אִקְרֵי הָכִי", אז דער צדיק איז ווייטער דא מיט אונז אפילו נאכן נסתלק ווערן; מיר זעען אים נישט, אבער ער איז ווייטער דא.

דער ראש ישיבה האט געטייטשט די ווערטער "בִּשְׁלִימוּתָא דִּמְהֵימְנוּתָא קַדִּישָׁא", ווער עס האט א שטארקע אמונה.

"כִּי אִתְּךָ אָנִי, דַּיְיקָא, זַכָּאָה חוּלְקֵיהּ, דְּמָארֵיהּ אָמַר לֵיהּ כֵּן. כִּי אִתִּי אַתָּה לָא כְּתִיב, אֶלָּא כִּי אִתְּךָ אָנִי, דְּמָארֵיהּ אָתֵי לְאִתְחַבְּרָא דִּיּוּרֵיהּ עִמֵּיהּ", האט דער ראש ישיבה געזאגט, וואויל איז פאר די אידן אז דער אייבערשטער זאגט איך בין מיט דיר, דער אייבערשטער קומט זיין מיט אידישע קינדער, נישט דער אייבערשטער ווארט מ'זאל קומען צו אים.

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארגעלערנט, אז דריי זאכן דארף א טאטע טון פאר זיין זון, אים מאכן א ברית, א פדיון הבן און אים חתונה מאכן, די דריי זאכן האט דער אייבערשטער געטון פאר די אידישע קינדער, און דער זוהר הקדוש פירט אויס: "לֵית שְׁבָחָא דְּבַר נָשׁ בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי, כִּשְׁבָחָא דְּאוֹרַיְיתָא", אלעס איז גוט און שיין, אבער דאס אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן דאס איז די העכסטע זאך, און ווען מ'וויל אויסרימען א מענטש, איז די גרעסטע לויב אז ער לערנט תורה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין שמועס וואס מ'האט געלערנט אין זוהר הקדוש, אז די סדר אין די וועלט איז געווען אז ווען עס איז געקומען די צייט א מענטש זאל שטארבן, איז גארנישט געווען קיין צייכן בעפאר, ער האט געקענט זיצן אין זיין שטוב און פון איין מינוט אויפן צווייטן אויסהויכן זיין נשמה, ביז יעקב אבינו האט געבעטן דעם אייבערשטן צי דער

אייבערשטער קען מאכן אז א מענטש זאל ווערן קראנק צוויי אדער דריי טעג, און דערנאך זאל ער שטארבן, כדי ער זאל קענען לאזן צוואה און תשובה טון, (דער ראש ישיבה האט געדרוקט די ווערטער 'תשובה טון'), האט דער אייבערשטער געזאגט: "גוט האסטו געזאגט, און דו וועסט זיין דער סימן אויף דעם", אזוי ווי עס שטייט ביי יעקב אבינו "הנה אביך חלה", שטייט חֹלֶה אן א ו', ארויסצוברענגען די חידוש אז ער איז געווען דער ערשטער חולה אין די וועלט.

נאכדעם וואס יעקב אבינו איז נפטר געווארן איז נישט געווען קיין חולה וואס זאל געזונט ווערן, נאר מ'איז געווען קראנק פאר צוויי דריי טעג און מ'איז געשטארבן, ביז עס איז געקומען חזקיהו המלך און געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין אזא זאך אז א מענטש זאל קענען ווערן אויסגעהיילט פון א קרענק, אזוי וועט ער קענען דאנקען דעם אייבערשטן, אנערקענען דעם אייבערשטן און תשובה טון, אזוי וועט מען זיין צדיקים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דאס איז א גוטע זאך, און דו וועסט זיין דער סימן אויף דעם, אזוי ווי מ'זעט אז חזקיהו המלך איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק.

פאר דער ראש ישיבה איז אריין באריכות אין די לימוד וואס מ'לערנט ארויס פון די מעשה פון זיין רפואה, האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט זייער א שיינע נקודה; נעמליך, אז מ'זעט פון דא די זאך אז א צדיק קען ברענגען א חידוש פאר די וועלט און נעמט די וועלט צו א נעקסטע שטאפל; דאס הייסט יעקב אבינו האט געברענגט פאר די וועלט די זאך פון זיין קראנק וואס זאל דינען אלס אן אנדייטונג זיך צוצוגרייטן צום שטארבן מיט תשובה וכו', חזקיהו המלך האט געברענגט פאר די וועלט די זאך פון ווערן אויסגעהיילט פון א קרענק, און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, און אזוי אויך דער רבי האט געברענגט פאר די וועלט זיינע הייליגע תיקונים, ווי תיקון הכללי און אלע אנדערע עצות און שכל וכו', און עס איז נישט שייך צו פרעגן: "און פאר'ן רבי'ן האט מען נישט געקענט זיין אן ערליכער איד? פאר'ן רבי'ן האט מען נישט געקענט מתקן זיין?!" נאר כנ"ל, אז יעדער צדיק האט זיין אויפטו וואס מ'האט אים געגעבן פון הימל א מקום להתגדר בו, (ועיין חיי מוהר"ן, סימן רצ"ט).

המשך יבוא בעזרת השם

גרשון קרעמער

## וויצע פרעזידענט העריס וועלט אויס טים וואלץ אלס מיטלויפער

זינט פרעזידענט ביידען איז ארויס פונעם פרעזידענטליכן פארמעסט פאר צוויי וואכן צוריק האט די מידיע שפעקולירט איבער וועם העריס וועט נעמען אלץ מיטלויפער, עס איז געווען א שיינע ליסטע פון פאליטיקאנטן וועלכע זענען לויט די באריכטן געווען אויף די ליסטע. אין די לעצטע טעג פארן אויסוועלן זענען באקאנט געווארן אז עס זענען געבליבן בלויז צוויי אויף די ליסטע, דער גאווערנאר פון דער "סווינג סטעיט" פענסילוועניע, א איד אפשטאמיגער מיט'ן נאמען דזשאָש שאפירא, און דער גאווערנאר פון מינאסאטע טים וואַלץ.

די שפעקולאציעס זענען געווארן שטארק אז שאפירא וועט מאכן די טיקעט, צוליב וואס ער קען צוהעלפן צו רוקן דעם גורל'דיגן סטעיט פענסילוועניע צום דעמאקראטישער זייט, בשעת וואַלץ קומט פון א שטארק דעמאקראטישער סטעיט, און וועט גארנישט צוגעבן.

אסאך אזוי גערופענע אידישע מויל מאכערס זענען געווען פארנומען אראפ צו רייסן העריס אז נאר צוליב וואס שאפירא איז א איד האט זי אים נישט געוואלט, בשעת אנדערע האבן איר פרובירט צו פארענטפערן, מיט'ן ערקלערן די סיבות פארוואס וואַלץ איז געווען א בעסערע אויסוואל פאר איר ווי שאפירא.

פארגאנגענעם מוצאי שבת דברים האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די שיינע לעבן וואס מען האט ווען מען היט זיך די אויגן, אז דאס גייט אויך ארויף ווען מען קוקט אזאנע נייעס'לעך וואס מען קען זען פרויען וואס לויפן אויפן אמט דא און דארט, א שטייגער ווי העריס אלס פרעזידענט אין אמעריקע, וואס דאס גייט אויך אריין אין דעם איסור פון קוקן אויף וואס מען טאר נישט. און אז מען האלט נאכנישט דארט מאכט מען א תפילה אויף דעם "הייליגער באשעפער העלף מיר היטן די אויגן וואס דו האסט מיר געגעבן במתנה, העלף מיר איך זאל זיך קענען שטארקן און נישט קוקן אויף פרעמדע, איך ווייס דאס איז נישט גוט פאר מיר, אבער די יצר הרע איז שטערקער פון מיר, און ווארפט מיר אראפ נאכאמאל און נאכאמאל, העלף מיך."

עס זענען דא מענטשן וואס וואונדערן זיך פארוואס ווען מען קוקט אריין אין די ספרים פון הייליגן רבי'ן און פון זיינע הייליגע תלמידים, באגעגנט מען זיך אייביג מיט די זעלבע עטליכע זאכן, רעדן צום אייבערשטן, תורה ותפילה, התחזקות, שלום בית, נישט מאכן קיין חובות, מען קען נאר געטרויען דעם אייבערשטן, תשובה איז נישט שווער, די גרויסקייט פון די פשוטע מצוות, און אזוי ווייטער, און זיי פרעגן פארוואס קען מען נישט רעדן אמאל פון עפעס אנדערש? וויפיל מאל קען מען הערן די זעלבע זאך נאכאמאל, "אלע דיינע צרות קומען נאר ווייל דו ביסט נישט פרייליך" איז א סטעיטמענט וואס דער הייליגער ספר אשר בנחל חזר'ט איבער הונדערטער און טויזנטער מאל. מוהרא"ש - האט לויט זיי - געדארפט שרייבן איין מאל מען זאל זיין פרייליך, רעדן צום אייבערשטן, רעדן שיין צו די ווייב, לייגן תפילין, און שוין.

לאמיר דיר פרעגן אן אנדערע שאלה שלא מן הענין. וויפיל מאל קענסטו ליינען נאכאמאל און נאכאמאל "טראמפ, העריס, ווענץ, וואלץ, שוממער, פאלאסי און ביידען"? פארוואס יעדעס מאל איך רעד צו דיר קומט אריין געלט? "ער האט יא געלט, ער האט נישט געלט", און וויאזוי קען זיין אז דער וואס היט נישט די אויגן רח"ל ווערט נישט נמאס פון קוקן נאכאמאל און נאכאמאל די זעלבע גארביטש?

און אז מיר זענען סיי ווי אין א באבל ווי מען רעדט כסדר פון די זעלבע זיבן זאכן, לאמיר כאטש רעדן פון זאכן וואס בלייבן מיט אונז. מיר דארפן חזר'ן דאס ווארט וואס דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט "די וועלט איז נישט, און מען קען עס נישט האבן; יענער וועלט איז יא, און מען קען עס האבן."

**ובערת הרע מקרבן**

# די פירער פון בענגלאדעש אנטלויפט די לעצטע מינוט

דער פרעמיער מיניסטער פרוי האסינע אין בענגלאדעש האט געמאלדן אז די פארלאמענט ווערט אויפגעלעזט, און נייע וואלן וועלן ווערן פאררופן, נאכדעם וואס פראטעסטירער האבן איבערגעקערט דאס לאנד, נאך וואס די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך געשפירט באקריוודעט פון די יעצטיגע פירערשאפט.

דער פרעמיער מיניסטער איז לויט באריכטן אנטלאפן קיין אינדיע, אבער עס איז דערוויל נישט באשטעטיגט געווארן. אין בענגלאדעש האבן מאסן געשטורעמט די פרעזידענטליכע פאלאץ, ארויספירענדיג פון דארט מעבל און אנדערע טייערע שטיקער.

די אפטריט פון האסינע ענדיגט א פופצן-יעריגע טערמין פון א פרעמיער מיניסטער וועלכע האט געפירט דאס לאנד פאר צוואנציג פון די לעצטע דרייסיג יאר, שטייענדיג אין שפיץ פון א פאליטישע באוועגונג געגרינדעט דורך איר פאטער וועלכע איז אומגעקומען אין א 1975 פוטש.

צו פארשטיין וואס דא גייט פאר דארף מען זאגן עטליכע ווערטער איבער דעם אומבאקאנטן לאנד. בענגלאדעש, איז א מוסלומענער לאנד אין אזיע וואס האט זיך אפגעריסן פון אינדיע נאך א בלוטיגע קריג בערך פופציג יאר צוריק, און כאטש עס איז אפציעל געווען דארט א דעמאקראטישע רעגירונג, האבן אבער רוב רעגירונגס פאזיציעס געדארפט גיין צו די "עליטע". און נאכדעם וואס די לאקאלע עקאנאמיע איז געגאנגען בארג אראפ זינט די קאוויד עפעכע, האט עס געברענגט גרויס אויפברויז אז כמעט אלע שטעלעס זענען אויסגעשלאסן פון די פשוטע בירגער, און כאטש די פארלימענט האט עס לעצטענס פרובירט אביסל צו באפיצן און געעפענט נאך פאזיציעס פאר'ן ברייטן פובליקים איז דער עולם נישט געווארן צופרידן, און עס האבן אויסגעבראכן גאר שטארקע מהומות אויף די גאסן, וואס זענען פארוואנדעלט געווארן צו היציגע פראטעסטן, פילע רעגירונג געביידעס זענען געווארן אונטערגעצינדן, און דער פרעמיער מיניסטער מיט נאך רעגירונג באאמטע זענען אנטלאפן - עוד נשמתם באפם - פון לאנד.

די לאנד האט א פאפולאציע פון הונדערט זיבעציג מיליאן מענטשן, און זיצט אויף בערך הונדערט פופציג טויזענט סקווער מייל.

בענגלאדעש האט א היסטאריע פון אסאך פארפלייצונגען, אריינגערעכנט איינס פון די גרויסע פארפלייצונגען אין יאר 1991 - תשנ"א וואס האט אומגעברענגט הונדערט פערציג בירגער רחמנא לצלן.

שפעטער אין 1998 איז געווען נאך א גרעסערע פארפלייצונג, וואס האט פארפלייצט צוויי דריטל פונעם לאנד. אזוי אויך שפעטער אין 2007 האט א פארפלייצונג איבערגעלאזט פינף מיליאן בירגער אן קיין דאך איבערן קאפ.

נאך פופציג יאר פון בויען דאס לאנד, און זיין - אזוי גערופן - פארזיכערט אויף זייערע פאזיציעס זענען פילע פון זיי געבליבן בעירום ובחוסר כל, דאס פאסירט ווען מען לעבט נעבעך אן תורה ומצוות, אן דעם אייבערשטן, און אן א צדיק, מען טרעפט זיך נאך פופציג יאר בויען א ביזנעס, און נאכלויפן די בהמות, מיט ליידיגע הענט.

אבער די וועלכע האבן געהאט שכל און אריינגעכאפט א דאווענען, א תפילין, א פסוק חומש, זיך אפגעגעבן מיט די ווייב און קינדער, דאס קען זיי קיינער נישט צונעמען. דאס בלייבט מיט זיי אויף אייביג לעד ולנצח נצחים.

**מה שביד בטוח**

## געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# דיין קינד גייט הייסן א ברסלב'ער?!

פון די דאנערשטאג נאכט שיעור פרשת מטות - מסעי, ביז נאך די ראש חודש סעודה זונטאג פרשת דברים האבן מיר געהערט פלאי פלאים'דיגע געדאנקען וואס מ'קען גרינג נוצן אין טאג טעגליכן לעבן.

דאנערשטאג נאכט האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די ענין פון נדרים, אז א מענטש זאגט אויף א ברויט דאס זאל זיין אסור אויף מיר אזוי ווי נבילה, ווערט עס אזוי! אז א מענטש זאגט אויף א ציגעלע אז דאס איז א קרבן עולה, ווערט דאס א עולה! דאס ווייזט די גרויסקייט פון אווארט פון א איד, אז ער זאגט איך וויל זיין גוט, ווערט ער יעצט אפגערייניגט פון זיין גאנצע עבר.

נאך א זאך; ווען א פרוי מאכט א נדר קען עס איר מאן צושטערן, אן א פארוואס און אן א פאר ווען, נאר ווייגן דעם ווייל א פרוי קען נישט מאכן נדרים אן די רשות פון איר מאן (זאכן וואס האט צו טון מיט אים). קומט אויס - טענה'ט דער ראש ישיבה - אז אויב א פרוי זאגט פאר איר מאן "דיין מאמע איז נישט נארמאל! איך גיי מער קיינמאל נישט צו



איר"! קען דער מאן מאכן א חשבון, איך צושטער עס, זי מיינט עס נישט עכט, די רוגזה וועט באלד אריבערגיין. ווער עס האט נעבעך נישט קיין שכל, ער איז נעבעך "מקיים" די נדר, ער מאכט זיכער אז זי זאל עס מיינען עכט, ער שטעלט זיך אויף אירע ווערטער ווי א קליינע בעיבעלע און מאכט טאקע זיכער אז ס'זאל ווערן א פייער פון מחלוקות, וואס ער האט גרינג געקענט פארמיידן דורך צושטערן אירע ווערטער אין זיין מח, קוקענדיג אויף איר מיט א גוט אויג.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן פרעגן א קושיא: נאך די הונדערט מענטשן פון היכל הקודש האבן שלום בית?! קען דען זיין אזא זאך?!

האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז ניין! די הונדערט מענטשן פון היכל הקודש האבן אויך נישט קיין שלום בית! סיידן אין א טאג וואס מ'טוט דעם רבינ'ס עצות! היכל הקודש קען נאך אמאל זיין א מציאות אז א מענטש זיצט דא יארן אבער היינט האט ער נישט געערדט צום אייבערשטן! היינט האט ער נישט געעפנט א משניות! היכל הקודש איז נאר ווערד וויפל "מ'טוט" עס, סתם זיך דרייען דא מיינט גארנישט, האט דער ראש ישיבה געזאגט.

פרייטאג האב איך נאכגעהערט א שיחה פון דער ראש ישיבה וועגן התבודדות, אז מו"ה ראובן בירנבוים נ"י דער גרויסער מפיץ וואס פארט כסדר ארום איבער גאנץ אמעריקע צוריקצוברענגען אידן צום אייבערשטן מיט די הייליגע קונטרסים, האט געזאגט פארן ראש ישיבה אז איינמאל איז ער אנגעקומען דא אין שטעטל אום זעקס אזייגער צופרי, נאך א ווייטע נסיעה פון הפצה, האט ער געזען דער ראש ישיבה שפאצירט אויפ'ן ראוד און מאכט התבודדות, און האט

**דארט וואו דו זיצט אונטן אויף דער וועלט און לערנסט גמרא, דארט איז דער גן עדן**

הנאה געהאט דאס צו זען. האט דער ראש ישיבה געענטפערט "האסט מיך נישט געזען מאכן התבודדות, האסט מיך געזען גיין אויפ'ן ראוד". ווייל התבודדות איז נישט א זאך וואס מ'זעט. שאקלען מיט די ליפן צום אייבערשטן איז א זאך וואס איז צו קליין צו קענען זען.

דער ראש ישיבה האט עס געזאגט לגבי מענטשן וואס טראכטן אז ער וויל רעדן צום אייבערשטן נאר אפשר וועט איינער זען, אבער די אמת איז אז קיינער קען נישט זען דיינע ליפן צו דו שאקלסט די ליפן צו נישט.

ביי שלש סעודות האט מען גערעדט פון די זאך פון ואל שדי יתן "לכם" רחמים, אז דער אייבערשטער זאל העלפן די רחמנות זאל זיין אפן און מיר זאלן עס זען (לויט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן ח"ב סימן ס"ב).

ביי מלוה מלכה איז געווען גאר שיינע שמועסן פון הייליגן ישמח משה זי"ע, קודם איז געווען די הערליכע זמירות, אתקינו סעודתא, מיט די סאטמארע ניגון "ומאושפיזין עילאין". ביי אדיר איום ונורא האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר מו"ה יודל דעפריס נ"י אז מ'וועט זינגען א באבוב'ער ניגון לכבוד די הילולא פון כ"ק אדמו"ר מ'באבוב זכות יגן עלינו (מהר"ש). דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז די יארצייט איז ראש חודש אב, די זעלבע ווי אהרן הכהן, ווייל ער איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום.

דערנאך האט מען געזינגען "איש חסיד היה", אויף א גאר שיינע סאטמארע ניגון, הרב החסיד המפורסם מו"ה יום טוב ערליך זכרונו לברכה האט געזינגען דעם ניגון מיט די ווערטער "דער רבי גייט". (אויב ווילט איר אן אמת'ע עונג רוחני קענט איר הערן ר' יום טוב ערליך'ס טעיפ "דער סאטמארער רבי" און "א שבת מיט'ן רבי'ן" איך האב דאס געהערט יארן לאנג און אסאך געוויינט צום אייבערשטן אויף די הערליכע הארציגע ניגונים).

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט נאך א שיינע ניגון אויף "איש חסיד היה" און מ'האט איבערגעזינגען "איש חסיד היה".

(אמאל פלעגט מען נוצן דעם ניגון אויף בדחנות, היינט נוצט מען מערערע ניגונים, אן עקסטערע ניגון פאר'ן קאזין וואס שטייט אויף יעדן דרייע פארטאגס, און אן עקסטערע ניגון פאר די צווייטע קאזין וואס גייט טאנצן ווייל ער האט מסדר געווען די טיי אוונט צאמצונעמען צדקה צו צאלן פאר פיר זינגערס מיט א קלארינעט, און אן עקסטערע ניגון פאר'ן דריטן קאזין וואס האט געגעבן צדקה צו באצאלן פאר די צוועלף טויזנט דאלער'דיגע שטריימל).

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן די שמועס ביי מלוה מלכה, זאגנדיג אז ס'איז דא אסאך יארצייטן צו שמועסן, דער הייליגער ישמח משה, דער באבוב'ער רב, דער אר"י הקדוש, דער קדושת ציון, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווען איז די יארצייט פון בעלזער רב (כ"א אב).

רעדנדיג פון ישמח משה זכותו יגן עלינו, האט דער ראש ישיבה איבערגעזאגט גאר שארפע דברי מוסר וואס שטייט אין ישמח משה פרשת כי תבוא בעניני קדושה, אז דער אריכות הגלות קומט ווייל אינגעלייט פארגעסן תשובה צו טון אויף די נישט גוטע זאכן וואס מ'האט געטון אין די פריערדיגע יארן.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינמאל איז דער ישמח משה געזיצן און געלערנט, און ער האט איינגעדרימלט, האט ער געזען א חלום אז ער איז ארויף אין הימל און געפרעגט וואו איז דער גן עדן? און מ'האט אים געענטפערט, דארט וואו דו זיצט אונטן אויף דער וועלט און לערנסט גמרא, דארט איז דער גן עדן! (הערת הכותב, דאס איז אפשר וואס חז"ל זאגן יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא).

(הערת הכותב, מ'קען משלב זיין די מעשה מיט די פריערדיגע ישמח משה פון פרשת כי תבוא, נו וואס זאל איך טון אויב איך האב שוין פארגעסן תשובה צו טון? וואס טו איך יעצט? יעצט לערן גמרא, גמרא רייניגט און וואשט אפ דעם מענטש. וכמבואר בספרי רבינו אז תלמו"ד איז בגימטריא די מלאך וואס איז מטמא דעם מענטש, און זאגן גמרא הרג'עט דעם יצר הרע און וואשט אפ דעם מענטש פון אלע נארישקייטן וואס ער האט געטון).

ועל דרך זה האט דער ראש ישיבה דערציילט פון הייליגן בעלזער רב זכותו יגן עלינו, (מהר"א) אז ווען מ'פלעגט גריסן א גוטע וואך, האט ער געזאגט "א בלאט גמרא איז א גוטע וואך".

דער ראש ישיבה האט נאכדערציילט פון מוהרא"ש א מעשה פון באבוב'ער רב וואס מוהרא"ש פלעגט דערציילן. די מעשה ווערט געברענגט אין שיחות מוהרא"ש.

ס'איז געקומען א פארפאלק צום באבוב'ער רב אז ער זאל זיי העלפן מיט שלום בית. די פרוי האט זיך באקלאגט אויף איר מאן. וואס איז? יעדע מאל וואס ער וואשט נטילת ידים, געבט ער איר א שפריץ אין פנים, פרעגט אים דער באבוב'ער רב, היתכן?! וואס איז דאס? זאגט ער אז יעדע מאל וואס ער זעצט זיך אראפ ציט זי ארויס די בענקל. איז דער באבוב'ער רב ארויס פאר איין מינוט, דערנאך איז ער צוריק געקומען מיט צוויי lollipops (לעקערס, צוקערלער), איינס פאר אים און איינס פאר זי, ביידע האבן געלאכט און אהיימגעגאנגען.

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך אמאל נאכגעזאגט פארן ראש ישיבה די מעשה וואס כ'האב געזען אין שיחות מוהרא"ש, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז מיט אלע עצות דארף מען נאך אלס א צדיק וואס זאל קאנווינצן דעם מענטש יעדן טאג פון ניי אז יעדער איינער קען האבן די זיסטע שלום בית אין די וועלט. ער דארף נאר וויסן אז שלום בית איז א זאך וואס מ'מוז יעדן טאג אינוועסטירן דערין. אן לעבן מיט א צדיק איז נישט דא קיין שלום בית.

די פאקט איז אז יעדע צוויי מענטשן האבן צוויי דעות, איינער וויל זיין שבת אין לעיקוואד און דער צווייטער אין מאנסי, איינער האלט אז ס'מוז זיין א קאוטש אין דיינונג רום, איינער זאגט אז ס'מאכט די דיינונג רום קליין, איינער מוז האבן עגפלענט ביים שבת טיש, איינער זאגט אז עגפלענט מאכט דרייען די מאגן און ציפן די צינג, ווי אזוי זאל מען טון? זאל איינער שולט זיין אויף א צווייטן חלילה? ווער זאל זיך בייגן פאר וועם? דערפאר מוז מען הערן יעדן איינציגן טאג א דערמאנונג פון א ערליכן איד אז מ'דארף זיך בייגן פאר'ן אייבערשטן. ווער איז בעל הבית אין שטוב? ער? זי? דער אייבערשטער איז בעל הבית! און ביידע שמועסן מיט'ן אייבערשטן וואו מ'זאל זיין שבת, און וואס צו טון וועגן די קאוטש און די עגפלענט. אן עס הערן יעדן טאג פון א צדיק איז גאנץ מעגליך אז איינער

באלעבאטעוועט אויפ'ן צווייטן שלא ביושר.

זונטאג פרשת דברים איז געווען די הערליכע סעודת ראש חודש פאר די וואס העלפן די כולל. ס'איז געווען גאר שיינע שמועסן, דער ראש ישיבה האט גערעדט אסאך זאכן וואס איז נוגע די צוקונפט פון "קרית ברסלב". מ'האט גערעדט פון די ישיבה קטנה היכל הקודש וואס ווערט געפירט דורך מו"ה יוסף שניטצלער שליט"א, דער ראש ישיבה האט זייער שטארק ארויסגעברענגט אז ער האט זייער הנאה פון די וועג ווי ר' יוסף פירט די ישיבה

עס איז אינטערעסאנט אונטערצושטרייכן אז ווען ר' יוסף נ"י איז ביי די צוועלף יאר ארויס פון זיין פריערדיגע חדר און אריין אין ברסלב האבן מענטשן גע'עצה'ט אז דאס איז א געפערליכע שריט! ותוצאותיו מי ישורנו! מענטשן זענען געווען קאנווינסד אז א ברסלב'ע חדר וועט נישט מצליח זיין און אז עס וועט זיין א בכי' לדורות.

אויך איז געווען אזוינע וואס האבן גע'טענה'ט ווי קען א טאטע טון אזא זאך ווי ארויפשטעמפלען דעם נאמען ברסלב אויף זיין קינד?! דיין קינד גייט הייסן א ברסלב'ער?! הישמע כזאת?!

איבעריג צו זאגן אז קהילת היכל הקודש איז ווייט נישט אונטערשטעליג פון אנדערע קהילות.

איך מיין נישט יעצט ביי די בילדער פון די מאגאזין, דארט איז גראדע היכל הקודש גאנץ שוואך, די היכל הקודש בילדער צייגן קוים א הונדערט מענטשן אדער עטוואס מער, א קנאפע הצלחה. איך רעד יעצט בעיקר פון די זאך וואס הייסט "די מנהל קוקט נישט יעצט", דארט הייסט היכל הקודש א גאר סוקסעספולע קהילה.

אויב א אינגערמאן גייט אויף וואקאציע אין מעקסיקא אדער דובויי און פירט זיך אנדערש ווי אינדערהיים, לגבי דאווענען מיט מנין אדער לגבי הכשרים אויף מאכלים, אדער לגבי קוקן טעלעוויזיע, אדער אויב א אינגערמאן זאגט א שענערן גוט מארגן פאר די טעלער אין באנק ווי פאר זיין ווייב, אדער אויב א אינגערמאן דיוועלאפד הייזער און צאלט נישט פאר די סאב'ס (ווייל א קרעציגער עדווייזער האט אים געזאגט אז מ'קען נישט באצאלן פון די סוקסעספולע דיוועלאפמענט פאר די סאב'ס פון די לעכעריגע דיוועלאופמענט, פאלט אים נישט ביי צו פרעגן א רב וואס מ'טוט אין אזא פאל, ענדערש ארויסלייגן צען סאב'ס פון ביזנעס ווי צו עובר זיין אויף די בפירוש'ער באפעל פון דעם קרעציגן עדווייזער), איז, וואס האב איך פון די ריזיגע פארענטשעס בילדער אין די מאגאזין?

קהילת היכל הקודש, וואס א יסודות'דיגע טייל פון די חינוך איז אז א קינד זאל אסאך "זאגן" משניות און גמרא האלט היינט ביי א צוואנציג דרייסיג תלמידים וואס לערנען פָאר גמרא רש"י! דאס רעכנט אריין מלמדים, מגידי שיעורים, און די וואס לערנען פָאר דעם דף פאר בעלי בתים אין די פארשידענע לאקאלע בתי מדרשים "היכל הקודש".

אין א יאר צוויי וועט זיין בעזר השם א צען פרישע דיינים, אבער ס'וועט אייביג זיין מענטשן וואס האלטן אז זאגן משניות איז ביטול זמן (השם ישמרינו) ווייל מ'מעג נאר לערנען "בחברותא" ווען איינער זיצט אקעגן איבער דיר, און נאר פון האלב ניין ביז האלב צען ביינאכט ווען די ווייב דארף הילף מיט די קליינע קינדער.

דאס איז א וויכטיגע זאך פאר פרישע מקורבים וואס מ'מאכט מחלוקת אויף זיי וועגן ברסלב. עס וועט אדורך גיין א צען צוואנציג יאר, די שוועריגקייטן וועט אוועק גיין, און די פרקים משניות בלייבט ביי דיר.

אלע וואס לאכן פון דיר אז דו גייסט נישט מצליח זיין אין ברסלב, ווען ס'גייט אריבער א שטיק צייט האבן זיי שוין סאך וויכטיגער'ס ווי "מיינען דיין גוט'ס". אלע וואס לאכן פון דיר וועגן זאגן משניות, וועלן באלד וועלן זיין גוט מיט דיר זעענדיג די הצלחה פון זאגן משניות. אלע וואס לאכן פון די עצות פון רבי'ן, פון די בריוון פון מוהרא"ש, וועלן זיך באלד דערקוויקן דערמיט. האב אביסעלע געדולד.

אויב דו האסט אפגעמאכט צו געבן פאר דיין קינד א חינוך פון רעדן צום אייבערשטן אלעס וואס שטערט אים, און לערנען תורה "יעדן טאג פון לעבן", שרעק זיך נישט פון אלע ידידים און עצה געבער'ס וואס "מיינען דיין גוט'ס", די שוועריגקייטן און רדיפות וועט אריבער גיין, און די הצלחה פון לעבן מיט די עצות פון א צדיק, וועט בלייבן ביי דיר. די פרקים משניות וועט בלייבן ביי דיר. דאס וועט דיך באשיצן.

# אִיז אֱמֶת אַז ווֶער עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיף אוּמַאן גְלוֹיבְּט נִישְׁט אִין בַּאשֶׁעפֶער?!

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**מִיר זֶענֶען צְוֵויי מֵיידְלֶעךְ חַבֶר'טֶעס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס דֶערְנֶענְטֶערְן אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס אִיבֶּער אַ בַּאקַאנְטֶע לִיד מִיט דִי וֶוערְטֶער: "רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלָה עַל הַכֹּל, מִי שֶׁמַּאֲמִין בָּה' יִתְבָּרַךְ צָרִיךְ לָבוֹא", דָאס מֵיינְט אַז וֶוער עֶס גְלוֹיבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער דַארְף קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן. מֵיינְט דָאס טַאקֶע אַז וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, גְלוֹיבְּט עֶר נִישְׁט אִין בַּאשֶׁעפֶער? מִיר ווִילְן וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי שִׂיחוֹת וָואס מֶען זֶעט אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר חַיֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן זֶענֶען קְרַאנְט אוּן וָואר, אַנְדֶערֶע שִׂיחוֹת וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶעם אוּן יֶענֶעם אִיז אַ צְוֵוייטֶע גֶעשִׁיכְטֶע.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אוּמַאן; דָאס אִיז קְלָאר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלְסְדִינְג, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה. "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם נִיגוּן אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן פִינְגֶער; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט דִי צְוֵוייטֶע שִׂיחָה.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים אוּן וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): "אֲמִירַת תְּהִלִּים מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ. כִּי הוּא אֲמָרָם בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וְהָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מֻנָּח בְּתוֹךְ הַתֵּבוֹת, וּכְשֶׁאוֹמְרָם הוּא מְעוֹרֵר בְּרוּחַ פִּיו אֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט אַזַא רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט תְּהִלִּים שְׁפִּירְט וִוי דֶער קַאפִּיטְל מֵיינְט אִים.

וֶוען אִיר הָאט אִיבְּרִיג צַייט זָאלְט אִיר נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זָאגְן דֶעם "יוֹם", אוּן אַרַיין פְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# דיין בעל הבית
# וועט זיך פרייען
# דיר צו געבן

## פון רבין נעמט
## יעדער חיזוק

אנשי חיל
געטרייע
סאלדאטן

**הלעפט די פלאץ וואס העלפט מיך**

charidy.com/breslev

ט״ז - י״ח אב

*sruliHeskel

# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

מיר האבן איבערגעהאקט די פארגאנגענע דריי וואכן מיט די הלכות פון די דריי וואכן, און די הלכות פון די ניין טעג שבת חזון ערב תשעה באב און תשעה באב, {אזוי וועלן מיר מיטן אייבערשטענ'ס הילף טון ביי יעדע יומא דפגרא ווי א יום טוב וכדומה} יעצט גייען מיר צוריק צו די הלכות פון הדלקת נירות אום שבת קודש.

ז) די מצוה פון הדלקת נירות האט א ספעציעלע חשיבות, מיט דעם וואס עס איז דא א דין וואס מען טרעפט נישט ביי אנדערע מצוות (חוץ ביי אייצעלנע 9) אז טאמער מען האט נישט קיין געלט צו קויפן לעכט פאר שבת קודש דארף מען גיין אויף די הייזער נאך געלט, און קויפן לעכט און צינדען, דער סיבה דערצו פארוואס עס טראגט א ספעציעלע חשיבות ווייל עס איז כבוד שבת, עונג שבת 10), און ועל כולם איז עס שלום בית.

ח) אזוי שרייבט דער רבי ז"ל אין ספר המידות (אות שלום סימן א) נירות של שבת מרבין שלום.

ט) מען דארף עסן די סעודת שב"ק ביי די לעכט (מ"ב סי' רס"ג ס"ק ל"ט, ממחבר סימן רע"ג סעיף ז', - מקורו מתוס' מסכת שבת כה: ד"ה הדלקת נר)

י) אגב, סוכות, צינדט מען די לעכט אין די סוכה, אבער ביי א קליינע סוכה צינדט מען אינדרויסן פון די סוכה (תרל"ט סעיף א') וועגן א סכנה (שער הציון סקי"ט כ').

י"א) בעצם איז הדלקת נירות שבת קודש פון די זיבן מצוות דרבנן, אבער עס איז א קבלה נאך פון משה רבינו ע"ה. 11)

י"ב) בעצם ליגט דער חיוב פון צינדען אויפן מאן, 12) (עי' באות 12 דברים נפלאים מהתניא) אבער די הייליגע חכמים האבן מתקן געווען 13) אז די פרוי זאל זיין די שליח פונעם מאן צו צינדען. 14)

י"ג) צוליב דעם ווען די פרוי איז נישט אינדערהיים צינדט דער מאן 15) (כף החיים סקכ"ג).

י"ד) פארוואס די פרוי דוקא צינדט איז דא צוויי טעמים, איין טעם ווייל זי איז שטענדיג אין שטוב, און זי געבט זיך אפ מיט די שטוב ארבעט 16) די צווייטע טעם, מפני שכיבתה נרו של עולם דהיינו כשחוה נתן לאדם הראשון לאכול מעץ הדעת ואז נקנתה מיתה על ידה.

## הערות

9) כי בעצם הדין בכל המצוות הן דאורייתא וכל שכן דרבנן שאדם פטור לחזור על הפתחים, [בוודאי אם מסבב על הפתחים, זכות הוא לו כשמגדיל כבוד שמים על כבודו, ומסבב על צדקה כדי שעי"ז יקיים המצוות, ומטעם זה הנותן צדקה לאדם זה כדי לקיים מצוות הוי-ה בין מצוה דאורייתא ואף מצוה דרבנן, בוודאי מקיים מצות עשה של צדקה (כ"כ באשל אברהם - מה"ת הו"ד בס' שבת בשבתו)] פי' הדברים כי כ' בירושלמי (פאה פ"א ה"א, קידושין פ"א ה"ז) תני אמר ר' בן יוחאי, כבד את הוי-ה מהונך, ממה את מכבדו ממה שיחננך, מפריש לקט שכחה ופאה, מפריש תרומה, ומעשר ראשון ומעשר שני ומעשר עני וחלה, ועושה סוכה ולולב ושופר ותפילין וציצית וכו', אם יש לך אתה חייב בכולן, ואם אתה אין אתה חייב באחת מהן וכו', ואין אתה מסבב על הפתחים הו"ד במלת תמיד סי כ"ה, א"ר שם, וכן במ"ב סי' כ"ה סק"ב, וכן הו"ד בב"ה סי' תרנ"ו ד"ה אפי', אבל כשהוא בא לכיבוד אב ואם בין שיש לך בין שאין לך כבד את אביך ואת אמך אפילו את מסבב על הפתחים ע"כ.

וכן קיימא לן בד' כוסות - מחבר סי' תע"ב סעי' י"ג, אפילו עני המתפרנס מן הצדקה ומכור מלבושו, או ילוה ישכור עצמו בשביל יין לד' כוסות, בנר חנוכה קיימא לן בשו"ע סי תרע"א מחבר ואפילו עני המתפרנס מן הצדקה שואל או מוכר כסותו ולוקח שמן להדליק, ומצוות אלו יש פרסימא ניסא, מובן למה החמירו חז"ל, משא"כ נר שבת וכן נר חנוכה צרוך ביאור, ולא עוד שזה יותר חשוב מכל מצוות הנ"ל, דהיינו אפילו לפני מצוות דאורייתא ?! כי כ' המחבר סי' תרע"ח, מי שאין ידו משגת לקנות נר חנוכה ונר שבת יקנה נר שבת מפני שלום בית, - וכן גבי ד' כוסות כ' המג"א סי' תע"ב סקי"ד - ונראה לי דנר ביתו עדיף מד' כוסות משום שלום בית, כש"כ בסי' רס"ג וכן שואל המור וקציעה ונשאר בקשיא שם?

אבל התי' כ' בצידו משום שלום בית, ורש"י הק' כ' מסכת שבת כג: ד"ה שלום ביתו: והכי אמרינן לקמן (כה:) ותזנח משלום נפשי, זו הדלקת נר שבת, שבני ביתו מצטערין לישב בחושך, וכן כ' רש"י שם, ד"ה הדלקת נר שבת: בא"ד ובמקום שאין נר אין שלום שהולך ונכשל והולך באפילה, אבל ברמב"ם סוף הל' חנוכה כ', היה לפניו נר ביתו ונר חנוכה, או נר ביתו וקידוש היום, נר ביתו קודם משום שלום ביתו, שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו (מכות יא.) גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם, שנאמר דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום. - אבל עדיין צריכין להטעם של עונג וכבוד שבת, כי שלום לבד שייך גם כל ששת ימי המעשה, אלא נראה שזה ריעה דלא מיתפרשא, שהולכים ביחד, הטעם של שלום שבת.

ובזה זכינו לתרץ, למה הרמב"ם וכן המחב' כאן בהל' שבת רס"ג סעי' ג' כ' טעם של עונג, ובהל' חנוכה כ' המחבר והרמב"ם טעם של שלום ביתו, כי לכאורה נראה כסתירה מה טעמו של דבר? אלא מאי שניהם ביחד שלום ביתו בשבתו, וכן ראיתי בשם ס' הלכות קטנות ח"ב סי' קפ"א, שאלה: מש"כ הרמב"ם דישאל על הפתחים להדליק נר של שבת, שזה בכלל עונג שבת, קשה הרי אמרו עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות [פי' להמצוה של עונג שבת אמרו חז"ל, שיעשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות ול"ל לסבב על הפתחים?] ולמה לא כ' הטעם של שלום בית.

**תשובה!** איברא דמשום עונג בעלמא, לא ישאל על הפתחים אבל מוסיף עליו הנר דשבת דאיכא עונג ושלום, ואילו היה אומר הרמב"ם משום שלום, הוה קשיא לן דטעמא דשלום בכל לילה איתא, [אפילו בחול] לכך הניח הרמב"ם טעמא דשלום ידוע, והוסיף טעמא מדילה דאיתא נמי עונג שבת, ובזה אתיא כמין חומר התקוני זוהר מה שמורינו הראש ישיבה שליט"א מזכיר תמיד, בדף נ"ז. בענין השיניים שצריכין לעשות בשב"ק, וזוה"ק ועוד שנוי אם הוא עצוב בחולא דיהא עציב בשבתא, ואם אית ליה קטטה עם בר נש או עם אתתיה דיהא ליה שלמא עמיה בשבתא. עוד נקודה טעם למה לחזור על הפתחים למצוות הדלקת נר שבת שלא מצאנו בשאר מצוות: כי כ' בספר אשל אברהם מה"ת סי' כ"ה טעם למה באמת פטור בשאר מצוות לחזור על הפתחים? משום כבוד הבריות שדוחה מצוות ל"ת, בשב ואל תעשה, וה"ה כאן לאהדורי אפתרא הוא בושת פנים, עד כי אמרו חז"ל כי עני חשוב כמת וזה מצד הלבנת פנים שיש לו, והנה במדרש רבה פר' קורח פר' י"ח ד' כ' על על הפסוק ויקם משה וילך אל דתן ואבירם, אמר משה הואיל ולא רצוי לילך אצלי אני אבוא אצלם, פי' מהרז"ו שמשה מחול על כבודו כדי שלא להחזיק במחלוקת - דהיינו להרבות שלום, מילא בדין הוא שאדם ומחול על כבודו ויסבב על הפתחים משום שלום ביתו ודו"ק.

10) בשבת מצאנו ב' מצוות כבוד - ועונג, כנראה הענין הדלקת נר יש מחלוקת איזה מצוה היא, או משום עונג - או משום כבוד, ויש נ"מ להלכה ביניהם, במדרש תנחומא (פר' נח) כ' דהדלקת נירות הוי משום עונג, על הפסוק וקראת לשבת עונג, ולישב בחושך אין זה עונג, שאין יורדי גיהנם נידונין אלא בחושך, הרמב"ם כ' (פ"ה ה"א) א' אנשים וא' נשים, חייבין להיות בבתיהן נר דלוק בשבת וכו', שזה בכלל עונג, וכן כ' בזה"ל המחבר כאן סי' רס"ג סעיף ג' וכן מבואר בשבלי הלקט (סי' נ"ט) דלפיכך אמרו חז"ל (שבת כה:) דהדלקת נר שבת חובה כדי שיתענג במאכל ובמשתה, לפי המבואר בחז"ל (יומא עב:) דלא יאכל אדם תבשילו אלא לאור הנר, דאינו דומה מי שרואה ואוכל, למי שאינו רואה ואוכל, והסימן אוכלין ואין שבעין, ולכן אם יאכל בשבת בלא נר בחושך ידמו, כי אינן אוכלין לשבוע נפשם, לבוש כ' (ס"א) שיהא זהיר לעשות נר יפה לשבת שזהו ג"כ מעונג שבת, וכן כ' במשנה ברורה סק"א, בשם תוס' מסכת שבת כה: ד"ה הדלקת נר שבת חובה, פי' במקום סעודה, דחובה היא שיסעוד במקום הנר משום עונג.

ועשיו השיטות דהוי משום כבוד, רש"י ז"ל פי' ד"ה חובה כבוד שבת היא, דאין סעודה חשובה אלא במקום כעין יממא בפרק בתרא דיומא (עח:) סמ"ג עשין ל': עיקר ציווי הדלקת נר הוא מפי הנביאים שציווי לכבד את השבת, שנאמר וקראת לשבת עונג ולקדוש הוי-ה מכובד, והדלקת נר נאה הוא עיקר הכבוד, וכן בס' יראים (סי' ק' תכ"ט) דכיוון שאמרו הנביאים לכבד השבת, לכן אמרו וציווי להדליק נר בשבת, לכבוד השבת, וכן ברמב"ם ה' שבת פ"ל ה"ה כ' יהיה נר דלוק ושלחן ערוך ומטה מוצעת שכל אלו כבוד שבת הן, (לפני"ז הביאנו ד' רמב"ם פ"ה ה"א דהוי עונג שבת) וכן בביאורי מהרש"ל כ' סמך להדלקת נירות שבת מדכתיב (ישעיה כ"ד ט"ו) על כן באורים כבדו את הוי-ה, והתרגום בפנסיא, וזה רמז לשבת שנאמר על כן בדברות אחרונות (השבוע פר' ואתחנן).

נ"מ בין הטעמים אם הטעם משום עונג אז אם אדם אוהב יותר לישב בחושך, ונירות אינם תענוג לו, אינו מחויב, כש"כ המחב' בסי' רפ"ח סעי' ב' וג' לענין שיש לו תענוג מלהתענות, - לכבות מותר, דזה עונג בשבילו, משא"כ אם הטעם משום כבוד, אז צריך להדליק נירות משום דאינו תלוי בתעניגתו, כי צרוך לכבד את השב"ק, וכן יש עוד נ"מ, אם הדליק את הנר בעוד יום גדול, אם הטעם משום עונג מספיק דיש נר והוי עונג, משא"כ אם הטעם משום כבוד להיות סמוך לשבת, כדי שיהיה ניכר שמכבדים את השב"ק, עוד נ"מ יש, דאי משום עונג צריך להדליק במקום שאוכלין וכמו שזכרני בשם רש"י על גמ' יומא, אכילה במקום חושך אינו תעניג, אבל אינו צריך להדליק בכל חצר שהולך שם, משא"כ א' הוי משום כיבוד כן צריך להדליק בכל מקום שרק ימצא שם בשב"ק, כי בס' תוס' שבת כ' מחלק דנר שמדליקין במקום אכילה הוי משום עונג שבת, והנר שמדליקין בשאר חדרים הוי משום כבוד, ובערול השולחן כ' להיפך דנר במקום אכילה הוי משום כבוד, ובשאר חדרים הוי משום עונג.

וכנראה דהפוסקים נקטו ב' טעמים הן כבוד והן עונג, וכן כל הדינים היוצאים כנ"ל, כי רמב"ם כ' במקו' א' כבוד, ובמקום ב' עונג, וכ"כ באורחות חיים (לרבינו חיים מלוניל ה' יו"ט א') וז"ל לפי שכשם שמצוה לכבד השבת ולענגו כך מצוה לעשות ביו"ט והדלקת נר זהו מכלל ה'כיבוד וה'עונג, וכן בפרמ"ג א"א סק"ד, דנר שבת הוי מכלל כבוד ועונג, וכעין ז' כ' בס' פתח הדביר סק"ג דהטעם משום כבוד שבת, אלא דמלבד דהוי כבוד שבת, יש בו גם מעלה יתירה דהוי נמי בכלל עונג שבת.

11) עי' בשו"ת אא"ז החתם סופר זצוק"ל או"ח סי' קס"ח: על מה שכ' ברמב"ם פי' מה' שבת עונג שבת וכבודו הוא מדברי סופרים, דכתיב בישעיה וקראת לשבת עונג, והנה אין כוונתו שהיא רק מצוה דרבנן, או מדברי קבלה כמו פורים, אלו דאורייתא ממני נאמרה למשה רבינו ע"ה, בעל פה הלמ"מ ואתי ישעיה ואסמכתיה אקרא.

12) כן איתא בשו"ע התניא - בקונטרס אחרון סק"ב בא"ד, דהא ודאי האשה אינה אלא שלוחה של בעל, כמש"כ העולת שבת בס"ג, וכן בדין דעיקר הטלת שלום בית עליה דידיה רמיא שהוא הבעל הבית.

13) וכן כ' במשנה על ג' עבירות נשים וכו' על שאינן זהירות נ'דה ח'לה ה'דלקת הנר.

14) וז"ל מרן המחבר סי' רס"ג סעיף ג': הנשים מזהירות בו ביותר מפני שמציות בבית ועוסקות בצרכי הבית.

15) וז"ל ומי שאין לו אשה ידליק בעצמו, ואשה היולדת בשבת ראשונה מדליק הבעל את הנירות ומברך.

16) ואני הק' לולא דמסתפינא הייתי אומר דבר חדש\חידוש, חיפשני למה באמת ציוה חז"ל שהאשה ידליק, איברא כ' ב' טעמים בפוסקים, אבל לכאו' מצוה בו יותר מבשלוחו, הלא הבעל היה צריך להדליק? בדרך אפשר הלא העתקנו דברי הפוסקים, דנר שבת הוי משום שלום בית, עי' רמב"ם סוף הל' חנוכה, חז"ל רצו להראות איך תבנית אידישע שטוב צריך להיות, האשה עוסק בצרכי הבית והבעל מביא פרנסה, משום הכא אמרו ז"ל דמביא טעמא מפני שעוסקת בצרכי הבית, שהיא תדליק.

# מעשה שהיה

שמואל ב.

נאך געציילטע שעה פון אומבאשרייבליכע יאגענישן בינדט ער צוריק צו זיין לינקע שוך בענדל נאכן עס אפשטופן יעדע האלבע שעה פאר נאך דריי מינוט... ער פרובירט זיך צו כאפן דאס אטעם נאכן זיך נארוואס באזעצן אויף זיין דעזיגנירטע זיץ ביים פאדערשטן פענסטער אויפן פליגער, הארט נעבן מיר.

איך בין פארשטייט זיך נישט אינעם זעלבן קאטאגאריע פון דער איד וואס איז באשערט איך זאל יעצט זיצן נעבן אים ביז די פליגער לאנדעט, איך האב מיך נאכנישט געטראפן זיין פון די פארשלעפטע אידן וואס זענען געבוירן פינף מינוט שפעט... איך זיך שוין אויפן פליגער זינט מען האט געעפנט די פירהאנגען ארויפצושטייגן אויף ערעפלאן. מיינע פאקעטן זענען שוין פלאצירט ווי עס דארף צו זיין, די תפילין מיטן האנט באגאזש זיצן רואיג און באקוועם אינעם שאפע העכער מיר וואס

די מאנשאפט הערט נישט אויף עס נאכאמאל צו צוהאקן מיט נישט ווייניג אויפברויז. אויפן קליינעם אזוי גערופענעם טישל האלט איך נעבן מיר מיין קליינע העל בלויע משניות'ל פשוט אויסצופירן דאס וואס איך האב געהערט פונעם ראש ישיבה אלע מיינע יארן אין ישיבה, אז א מיטן-ווינטער-וואקאציע איז נישט קיין סתירה מיט לערנען יעדן טאג.

״פאסטן יאר סיעט בעלטס״ הערט מען אפקלאנגען פונעם הויכהילכער, צום זיבעצנסטן מאל... כאילו די סיעט בעלטס

האבן א נסיון צו עסן און מען דארף זיי מחזק זיין יעדע פינף מינוט צו ווייטער פאסטן...

די גליקליכער מינוט איז אנגעקומען ווען די צוויי שעה'יגע דילעי איז געקומען צו אן ענדע. די רעדער פארשנעלערן זייער שנעלקייט און זיי געזעגענען זיך פונעם נוארק עירפארט ראנוועי.

איבריג צו זאגן אז ווען צווי היימישע אידן טרעפן זיך אויפן פליגער הייבן זיך אן

# מעשה שהיה

די טיפישע חסיד'ישע מעשיות, צום אלעם ערשטן, נאך פארן אפילו אנהייבן שמועסן זענען מיר שוין על דרך לא דרך געווארן קאזינס, נאכדעם האט זיך עס געדרוקט פאראויס אז מיר זענען שוין מחותנים אויך, און ביז צוויי מינוט האמיר זיך שוין געטראפן אין א העכסט פאר'דאגה'טע שמועס זיך זארגנדיג פארן היימישן ציבור וואס ווערט טראגיש געפלאגט מיט אן אומדערהערטע דירות און ישיבות קריזיס...

נישט לאנג שפעטער האט זיך אונזער קופקע געביטן פון א קאמישע הומאריסטישע שמועס צו אן ערנסטע און פאנפולע רעדע: "ס'נישט קיין ווערטל" האט ער געלאזט פאלן זיינע ווערטער מיט אן ערנסטע מינע אויף זיין געזיכט, "פאר צוויי יאר צוריק האב איך זיך אריבערגעצויגן ארויס פונעם וויליאמסבורג'ן באקס צו א נייע זיפ קאוד אויפן אנדערן זייט האדסאן ריווער, עס האט אויסגעקוקט ווי איך גיי לעקן האניג, למעשה איז עס גארנישט אזוי פשוט".

איך פרוביר צו פארשטיין וואס ער מיינט, אבער גלייך דערנאך רופט ער זיך אן: "דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס דאס מיינט, די גאנצע מוסד פון מיינע קינדער וואקלט זיך, אלעס האלט שוין אט אט ביים צאמפאלן! מיינע צוויי זין לערנען שוין אין די דריטע מוסד אין צוויי יאר, נאכדעם וואס די ערשטע מוסד איז נישט געווען צוגעפאסט פאר מיינע קינדער, און די פארגאנגענע מוסד האט זיך פארמאכט!"

אין די צייט וואס איך פרוביר צו פארדייען וואס ער האט מיר געזאגט דא, ווי אזוי ארבעט דאס? א מוסד איז א פרידזשעדער וואס מען עפנט און פארמאכט ווען מען האט נישט וואס צו טון? וואס ליגט אינטער די עפענען-פארמאכן ווערטל? זענען זיינע ווערטער געווען: "די מוסד ווי איך שיק מיינע קינדער האלטן יעצט אין א מורא'דיגע שווערע צושטאנד, זיי מוטשענען זיך געפערליך מיט טאג טעגליכע הוצאות!" און ער לייגט צו: "יעדע חודש קומט אריין פרישע אפדעיטס... די סקול זייערע האט זיך שוין פארמאכט, אויך די פינף עלטערע כיתות פונעם תלמוד תורה ווערט פארמאכט דעם קומענדיגן זמן"...

"איך פארשטיי אבער נישט" פרעג איך אים, "די גאנצע זאך איז געלט? דיין זון'ס מוסדות ווערט פארמאכט וועגן געלט? קענסט נישט עפעס טון?!"

"וואס זאל איך טון?" פרעגט ער מיר.

"גיי נאך געלט, שאף געלט, נעם צאם געלט, שריי אויס אז מ'דארף געלט, וואס שטייסטו אין די זייט?"

"אה... כ'ווייס נישט... זיי האבן געמאכט א קאמפיין, אבער... כ'ווייס נישט... כ'העל דיר זאגן, ס'אינטערסירט מיך נישט... איך האב נישט קיין נערוון, איך גיי נישט עבויזן

# מעשה שהיה

מיינע קאנטעקסט פאר א נישטיגע מוסד וואס קען זיך נישט דעקן, נישט נאר איך גיי זיי נישט עביוזן, נאר איך גיי 'מיך' נישט עביוזן, איך גיי נישט הרג'ענען מיין נאמען אלץ איינער וואס האט נישט וואס צו טון ווי צו גיין צאמנעמען געלט פאר א מנהל וואס האט פרובירט צו עפענען א חדר כדי ער זאל זיך קענען אויפטון אז - - - "

***

איך שטיי ביים שווארצן פארעדיגן פאסיק וואס פארט ארום מיט יעדן'ס קאלירפולע רענצל אויסער מיין... און מיין קאפ פיבערט נאך פרובירנדיג צו קענען פארדייען די מעשה וואס מיינע אויערן האבן נארוואס איינגזאפט. איך וואוין אויך אין א ישוב אויפן אנדערן זייט האדסאן, ברוך השם דער שטעטל ביי אונז איז ליבערטי בויעט זיך מיט איר פולן פראכט, און ביי אונז קומען אויך אריין פרישע אפדעיטס יעדן חודש, אבער נישט ממש אויפן זעלבן דירעקציע, נאר שבתי און אשר בער זענען פארנומען א גאנץ יאר צו פארקויפן פרישע זכותים פאר בנינים און קלאסן וואס מען דארף צולייגן. אלעס ביי אונז איז דאס זעלביגע ווי ביי זיי, פארוואס ביי זיי - און נאך פיל מוסדות אין די היימישע געגנטער בתוכינו - הערט מען נישט אויף צו פארמאכן און דא ביי אונז וואקסט עס מיט א אומבאגרייפליכע וואוקס?!"

***

מיין אויטא מאכט אירע געדרייטע וועגן איבער די בא'חן'טע געסאלאך אין שטעטל, ווען די לייט באולב אין מיין קאפ האט אויפגעבליצט! כ'האב עס! נאכן זען די פיצעלע פלאקאטן וואס אנשי חיל האט געשטעלט אין פארנט פון רוב שטעטל'ס הייזער האט עס געקליקט.

עס איז איין ווארט, די איין ווארט האט מיר פונקטליך געגעבן דעם גאנצן בילד מיט אלע מפרשים, אלעס שטימט שוין. די איין ווארט האט מיר פארענטפערט מיינע שאלות וואס האבן מיר געפלאגט דורכאויס מיין גאנצע מיטן-ווינטער וואקאציע, דאס ווארט איז זייער פשוט, אבער אזוי שטארק און מאכטפול:

"ג-ע-ט-ר-י-י!!!"

דאס איז די גאנצע. א קהלה פון אינגעלייט וואס זענען געטריי. געטריי פארן ראש ישיבה, געטריי פאר זייער פלאץ, געטריי פאר זייער מוסדות, געטריי פאר זייער לעבן.

נאך איין זאך האב איך געוואלט צולייגן:

**איך. בין. געטריי.**

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1) פארגאנגענעם ל"ג בעומר האט דער ראש ישיבה מחזק געווען אנשי שלומינו אז מ'זאל אנהייבן צו האבן א שיעור אין זוהר הקדוש.

איך האב דאס געוואלט מקיים זיין, אבער קיין זוהר האב איך נישט.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א סעט זוהר הקדוש, און פלוצלוג האב איך געזען א מודעה אז איינער מאכט א חבורות זוהר, וואס ווער ס'שליסט זיך אן מיט זיי באקומט יעדן חודש אהיים א ביכל מיט די זוהר וואס ער דארף לערנען...

שכח אייבערשטער!

נאכדעם וואס איך האב מיך איינגעשריבן איז אדורך אפאר וואכן און גארנישט האט זיך נישט גערירט מיט דעם, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן מיך שוין קלינגען פרעגן וואו איך וואוין, כדי צו שיקן דעם קונטרס, און אויפן מינוט האבן זיי מיך געקלונגען....

2) שכח אייבערשטער כ'האב געהאט א אינגל!! א געזונטער א פיינער ברוך השם. דאס פאר זיך איז א מעשה פון תפילה.

אבער איך וועל דערציילן אן אנדערע זאך.

נאכדעם וואס מ'איז ארויס פון שפיטאל האב איך באמערקט אז די רענצל איז געבליבן ביים אריינגאנג פון שפיטאל.

יעצט ווען ס'איז אין ארץ ישראל א מלחמה צייט, און מ'זעט א רענצל אינמיטן גאס, און נאך אין אזא פלאץ ווי א שפיטאל, איז כמעט 100% אז מ'האט גערופן פאליציי און זיי האבן עס

# מעשיות פון תפילה

אויפגעריסן און שוין...

אבער איך מיך נישט מייאש געווען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן כ'זאל נאך יא צוריקהאבן דאס רענצל.

איך בין אראפגעפארן צום שפיטאל כדי צו טרעפן דעם רענצל, און... ואיננו - ס'איז נישטא...

כ'האב געפרעגט די סעקיורוטי אויב ער ווייסט עפעס וועגן דעם רענצל צו זאגן, האט ער גזאגט אז משום מה האבן זיי עס די מאל געגומען צום ארט וואו מ'לייגט פארלוירענע זאכן און נישט גערופן פאליצי... איך ווייס יא פארוואס, ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן.

אזוי האב איך עס ברוך השם צוריקבאקומען אומבארירט.

3) מיר האבן געדארפט זייער וויכטיג האבן א זאלב פון בעיבי'ס, ביי אלע געשעפטן נעבן מיין הויז איז עס נישט געווען צום געפונען.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר דעם זאלב, און פלוצלונג ביי איינע פון די געשעפטן נאכדעם וואס דער פארקויפער האט מיך געזאגט אז ער האט נישט, האט זיך איינער פון די קונים אנגערופן אז ער האט געהאט א גמ"ח פון בעיבי פראדוקטן, און אזויווי ער מופט אוועק פון צפת מאכט ער עס צו, און ער קען מיך עס אוועקגעבן פאר אומזינסט...

4) איך האב געשיקט א קינד צו קויפן א מטרנה פאר מיין בעיבי און ער האט בטעות נישט געקויפט די ריכטיגע וואס מיר דארפן

די זאך איז געווען אז ער איז צוריקגעקומען מיט דעם שפעט, נאכדעם וואס די געשעפטן מאכן זיך צו.

איך האב פארט פרובירט אראפ צו לויפן אין געשעפט אפשר איז עס נאך אפן, אבער די מציאות האט געפאטשט אין פנים, ס'איז פארמאכט...

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען צוריקגעבן דאס וואס איך דארף נישט, און קויפן די ריכטיגע מטרנה פאר מיין בעבי. נאך אפאר מינוט האב איך מיך אוועק געשטעלט כאפן א היטש אהיים.

און ווער שטעלט זיך אפ?

דער בעל-הבית פון דעם געשעפט...

ער האט געהערט אז א קליין בעיביווארט אויף דעם האט ער מסכים געווען צו אויפמאכן די געשעפט און טוישן...

5) איך מיט אנ"ש פון צפת זענען געפארן צום חתונה פון איינער פון אנ"ש דצפת, ווען אויפן וועג האט זיך מיין באטערי פון די טעלעפאון כמעט אויסגעלאשן.

האב איך געפרעגט דעם עולם אויב איינער האט אפשר א power bank האט זיך איינער אנגערופן אז ער האט, אבער נישט אלעמאל ארבעט עס.

למעשה האט עס טאקע נישט געארבעט...

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל אנהייבן ארבעטן, און הפלא ופלא ס'האט אנגעפאנגען ארבעטן.

## קלמן אליעזר עגמי

קרית יואל

די לעצטע צוויי וואכן איז נישט געווען אויפן קול ברסלב קיין חמין מוצאי שבת שמועס מיט מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו און מו"ה יעקב פיש, איך האב זיי געפרעגט וועגן דעם, האבן זיי האבן געזאגט אז זיי זענען נישט אנגעקומען דערצו. האב איך אפגעמאכט אז איך גיי בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל יא זיין א שמועס.

שכח אייבערשטער אז די לעצטע וואך מוצאי שבת איז שוין יא געווען א שמועס.

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק

## גֶעפָּארְן קַיין אוּמַאן פַאר הַאלְבּ פְּרַייז

אִין אַלֶע שְׁטֶעט פוּן אוּקְרֵיינֶע הָאבְּן פַּארְצַייטְנְס גֶעוואוֹינְט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, אָבֶּער בַּאזוּנְדֶער הָאט אַרוֹיס גֶעשַׁיינְט דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב וָואס דָארְט הָאבְּן גֶעוואוֹינְט גָאר אַסַאךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, וְוִי זַיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן ז"ל, עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר קוּמֶען צוּם שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין, עֶר פְלֶעגְט מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הֶערְצֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ דִי פָּשׁוּטְעֶ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע חִידוּשִׁים, דִי שְׁנַיידֶערְס, דִי שוּסְטֶער, זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אוּן הָאבְּן זִיךְ גָאר אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי אִידְן נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, זֵיי הָאבְּן מַמָּשׁ גֶעקֶענְט טוֹישְׁן דִי טֶבַע מִיט זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת.

אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ פָּשׁוּטְעֶ אִיד אַ שְׁנַיידֶער מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' יַעֲקֹב שְׁנַיידֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע הָאבְּן אִים גֶערוּפְן ר' יַעֲקֹב בַּארְדִיטְשׁוּבֶער, וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע עוֹבֵד הַשֵּׁם.

אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיטְן שִׁיף אִין שְׁטָאט יָפוֹ אוּן זִיךְ דָארְטְן בַּאזֶעצְט.

יֶעדְן פַארְטָאגְס אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם זִיךְ טוֹבֵל'ן, דִי פְּרָאבְלֶעם אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַז דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען אַראבֶּערְס גְרוֹיסֶע גַּנָּבִים, וָואס פְלֶעגְן גַנְבְ'עֶנֶען וָואס זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעקֶענְט, בִּפְרַט פוּן דִי אִידְן וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען טוֹבֵל'ן פַארְטָאגְס.

ר' יַעֲקֹב בַּארְדִיטְשׁוּבֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֵיין פַארְטָאגְס אִין מִקְוֶה אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, בַּיים יַם הָאט עֶר אוֹיכֶעט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וֶועגְן דִי גַּנָּבִים.

הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הִיטְן אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן פִּלְאֵי פְלָאִים, יֶעדְן פַארְטָאגְס וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם יַם זִיךְ טוֹבֵל'ן, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן אָפְּגֶעהִיטְן זַיינֶע קְלֵיידֶער. אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג וִוי לַאנְג עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין יָפוֹ. זֶעט מֶען דָא דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, וָואס קֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע אוּן מַאכְן אַז אַ הוּנְט זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קְלֵיידֶער פוּן גַּנָּבִים.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' נָתָן בַּרְסְקִי ז"ל; אֵיינְמָאל אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב אוֹיף שַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעהַאט אִין פְלַאן צוּ פָארְן פוּן דָארְט מִיטְן בַּאן צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ קַיין אוּמַאן, צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אַרוּם גֶערֶעדְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער זַיין הָאבְּן אֵיין פְּרָאבְלֶעם אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַארְן בַּאן וָואס פָארְט פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ אוּמַאן. אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען מִיט אַ פְלַאן אַז דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע גֶעזֶעץ אִיז, אַז אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַן אַרְבֶּעטֶער אוּן עֶר דַארְף פָארְן צוּם אַרְבֶּעט, בַּאקוּמְט עֶר זַיין בּוּלֶעט פַאר הַאלְבּ פְּרַייז, אִיז לָאמִיר גֵיין זָאגְן פַארְן קָאנְדָאקְטֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ קָאנְטְרַאקְטֶער אִין אוּמַאן אוּן אוּנְז גֵייעֶן אִים הֶעלְפְן בּוֹיעֶן בִּנְיָנִים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן רצג) מַה לָכֶם לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי אִם לָתֵת אֲבָנִים וְסִיד, וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וָואס דַארְפְט עֶטְס אַזוֹיפִיל טְרַאכְטְן, עֶטְס דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט טוּן נָאר גֶעבְּן שְׁטֵיינֶער אוּן לֵיים, אוּן אִיךְ וֶועל בּוֹיעֶן מִיט דֶעם שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע בִּנְיָנִים,

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעטוּן, נָאךְ שַׁבָּת זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קָאנְדָאקְטֶער אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי דַארְפְן פַארְן קַיין אוּמַאן צוּ הֶעלְפְן אַ קָאנְטְרַאקְטֶער, אוּן פִּלְאֵי פְלָאִים דִי אָנְפִירֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ בּוּלֶעט פַאר הַאלְבּ פְּרַייז.

הָאט ר' נָתָן בַּרְסְקִי אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן דִי מַעֲשֶׂה. פוּן דָא זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען טוֹישְׁן פוּן טֶבַע וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר אִידְן וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן אוּן פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף אִים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת.

(שיחות מוהרא"ש חלק י', ערך טבע)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

פ"ה

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.
עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב מִיטְ'ן נָאמֶען ר' לִיפָּא.
מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, בַּיי סְלִיחוֹת, הָאט ר' לִיפָּא זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן סְלִיחוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת וָוארְט בַּיי וָוארְט מִיט הִתְלַהֲבוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, וַוייל עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעוַוארֶעמְט פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מְ'קוּמְט אָן בַּיים סוֹף פוּן דִי סְלִיחוֹת, זָאגְט מֶען עֶס שׁוֹין שְׁנֶעלֶער. אָבֶּער ר' לִיפָּא, מִיט זַיין גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת אוּן דְבֵיקוּת, הָאט אוֹיךְ בַּיים סוֹף פוּן דִי סְלִיחוֹת, דִי תְּפִלּוֹת פוּן "עֲנֵנוּ" אוּן פוּן "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הָאט עֶר אוֹיךְ דָאס גֶעזָאגְט הוֹיךְ מִיט גְרוֹיס כֹּחַ אוּן כַּוָונָה.

אִין דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב הָאט דֶעמָאלְט גֶעווּאוֹינְט אַ חָשׁוּבֶער אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַתְמִיד עָצוּם, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפּוֹסְקִים.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז עֶר אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן דֶעם בַּאקַאנְטְן גָאוֹן וְצַדִיק, רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זי"ע, וָואס אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דִי דְרֵיי גְרוֹיסֶע קְהִלּוֹת שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ, אוּן מָאהִלִיב. אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז דֶער אֵיידֶעם וֶועט אִים אִיבֶּערְנֶעמֶען דָאס רַבָּנוּת.

דֶער גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵד אוֹיף חֲסִידוּת, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער קֶעגְן חֲסִידוּת אוּן חֲסִידִים, דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעווּאוּסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן מִיט דִי חֲסִידִישֶׁע אִידְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

אָבֶּער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זֶענֶען אַלְץ צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּוַוייזְן אַז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִיד, זֶענֶען יָא גָאר גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן פוּן אַזוֹיפִיל רֶעדְן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים, סְפֶּעצִיעֶל זַיין חַבֶר רֶבִּי נַפְתָּלִי, וָואס אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן צְוִוישְׁן חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן צוּ חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס.

עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זי"ע, צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמֶענִיץ זי"ע, צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' פוּן לִינִיץ זי"ע, צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שָׁלוֹם פוּן פְּרָאהבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב פוּן חְמֶעלְנִיק זי"ע, דִי אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען.

צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט חֲסִידִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע, אוּן עֶר אִיז אַסַאךְ גֶעפָארְן צוּ אִים.

זַיין דָארְשְׁט אוּן גְלוּסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִיקִים, הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטִילְט, זַיין הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט דָאךְ פַארְמָאגְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶער מֹחַ אוּן אַ בְּרֵייט הַארְץ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי רִיכְטִיגֶע חֲבֵרִים זַיינְ'ס גְלַייכְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפוּנֶען קַיין גֶענְצְלִיכֶע בַּאפְרִידִיגוּנְג פַאר זַיין גְלוּסְטֶעדִיגֶע נְשָׁמָה.

כָאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְקַרֵב גֶעוֶוען מֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתְ'עֶלֶע", פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען דִי חֲסִידִים נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צוּם הַארְצְן פַאר רֶבִּי נָתָן.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל

## בריוון פונעם ראש ישיבה

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תרומה, שובבי"ם, ה' אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

די גרעסטע צדקה איז העלפן דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און דאס פארשפרייט פאר אלעמען. בפרט ווער עס האט פוגם געווען בברית, אין הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אדער געפאלן אין ניאוף, מיט נשג"ז, רחמנא לצלן רחמנא לישזבן - איז זיין תיקון צו דרוקן די ספרים און דאס פארשפרייטן, אזוי וועט ער פאררעכטן וואס ער האט פוגם געווען.

עס איז דא אסאך ספרים, אסאך גוטע זאכן, אבער פון איין זאך רעדט קיינער נישט; קיינער רעדט נישט צו די בחורים און אינגעלייט וואס זענען געפאלן אין פגם הברית, די וואס זענען נעבעך אריינגעפאלן אין די נעץ פונעם שטן, זיי ליגן אין די טומאה פון ניאוף, זיי גייען ארום זייער פארלוירן, זייער צעבראכן, זיי טראכטן מחשבות פון זיך נעמען דאס לעבן, און נאר די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש רעדט צו זיי, איז זיי מחזק און ווייזט זיי די וועג צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

געב דיין צדקה צו דרוקן די ספרים פון רבי'ן, בפרט די ליכטיגע זיסע קונטרסים פון מוהרא"ש און די הייליגע בריוו פון אשר בנחל, וואס איז מחי' ומחזק אלפים ורבבות; ווערסטו אלעס מתקן זיין.

מארגן וועט זיין די ליל שישי שיעור אין ישיבה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

פאריגע וואך האט אונזער גבאי מו"ה לייבי ראטה באקומען א טעלעפאן רוף פון א איד, ער זאגט אים "איך הייס אזוי און אזוי, איך וואוין אין מאנסי, איך באקום דעם קרית ברסלב בלעטל דורך איינע פון די חשוב'ע מפיצים, און איך האב געזען די מעשיות פון ישועות אשר בנחל, איך דארף א ישועה מיט א טענענט מיט א דירה, איך וויל קויפן א זכות אין ספה"ק אשר בנחל".

די וואך רופט אים יענער צוריק פארציילן וואס דא איז פארגעגאנגען, ווייל ער וויל מען זאל עס מפרסם זיין. ער פארציילט אזוי, איך האב אן אינוועסטמענט אפארטמענט וואס איז געווען פארדינגען פאר א טענענט, דער טענענט האט כסדר זיך באקלאגט איבער איינער העכער אים וואס מאכט הויכע גערודער, ביז עס האט זיך אנטוויקלט אז דער טענענט איז ארויס. איך האב געבעטן א בראקער זאל מיר טרעפן א נייע טענענט, אבער ער האט נישט געטראפן, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אויבערשטן אז איך וויל אז עס זאל מיר גרינג אנקומען די גאנצע זאך, איך וויל אפילו נישט זיין ביזי מיטן דארפן גיין ווייזן, איך וויל א גוטע טענענט וואס האט אסאך געלט, כאטש עס מאכט נישט קיין סענס, פארוואס זאל ער דינגען? אבער מען קען דאך אלעס בעטן דעם אויבערשטן, און איך האב מנדב געווען פאר אשר בנחל אלץ א סגולה.

זונטאג ביינאכט 9:40 זע איך א "מיסד קאל" איינער וויל זען די דירה, איך האב זיי געזאגט איך בין יעצט צו אויסגעמוטשעט איך קען זיין נישט גיין ווייזן די דירה, זאגן זיי אז זיי ווילן אליינס גיין קוקן, האב איך זיי געזאגט אז זיי קענען גיין, זיי קומען אן צו די דירה, און זיי זאגן מיר אז די לעקטער ארבעט נישט, אבער זיי האבן נישט קיין פראבעלם זיי ווען גיין מיט א פלעש לייט, האב איך זיי געזאגט ס'איז הייס און טונקל ביינאכט, וואס ווערטו זען, זאגן זיי מיר "מיר קענען שוין נעמען די דירה?", האב איך זיי געזאגט, "איך דארף קודם זען די קרעדיט און אזוי ווייטער", למעשה האבן זיי אזוי שטארק געדארפט די דירה, אז זיי זענען מיר נאכגעלאפן און געשיקט אלעס וואס האט אויסגעפעלט, און ווייניגער פון צוועלף שעה נאכ'ן מנדב זיין פאר אשר בנחל האט מען שוין געהאלטן נאכן סיינען קאנטראקט.

צו איבערלאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347-578-4449

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

קאל, טעקסט: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## קרן הדפסה גייט שוין צום דרוק מיט'ן "לוח ברסלב" תשפ"ה

יעדער תלמוד היכל הקודש דרייט זיך ארום מיטן "לוח ברסלב", אינעם לוח וועט מען טרעפן אויף יעדע זייט הערליכע מאמרים פון מוהרא"ש זי"ע איבער די זמן פון יאר וואס מ'שטייט, וואס איז בכח ערוועקן א מענטש פון שלאף און אים ווייזן די אוצרות וואס ער קען ארייכנאפן אין דעם וואך אדער חודש.

אזוי אויך איז צוגעצייכנט יעדן טאג אלע שיעורים כסדרן, דער בלאט גמרא, ירושלמי און תוספתא פאר יענעם טאג, וואס איז א ממש א הכרח פאר יעדן תלמוד היכל הקודש צו וויסן.

דער לוח איז געווארן נאך מער אויפגעכאפט אין די לעצטע יארן, ווען דער קרן הדפסה האט אריינגעלייגט גרויסע כחות און הערליך איבערגעמאכט דעם לוח מיט שיינע געשמאקע קלארע אותיות, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געהייסן צולייגן די נ"ך און רמב"ם פונעם טאג, אזוי אז דער לוח וועט זיכער צוגעבן פאר יעדעם אסאך הרחבת הדעת.

דאס יאר לייגט דער קרן הדפסה אריין גרויסע כחות אז דער לוח זאל ארויסקומען בסייעתא דשמיא הערליכע איבערגעארבעט א דבר נאה ומתוקן אן קיינע גרייזן בסייעתא דשמיא.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן אז מען זאל עס שוין טון, ווייל פון נאך תשעה באב באקומען די מפיצים כסדר בקשות אז מען וויל שוין קויפן דעם נייעם לוח פונעם קומענדיגן יאר.

# בילדער פון קרן הדפסה



איבערגעדרוקט פילע קונטרסים פון ענגליש עצות אמונה

מען דרוקט איבער די ענגליש קונטרס No Pressure

ברסלב סענטער ספרים געשעפט גרייט מיט ספרים צו באשטעלן

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**אליעזר שמן**
קרית ברסלב

**אהרן שלמה שווארטע**
סטעטן אײלענד

**לייבי ראטה**
קרית ברסלב

**ישראל מנחם ראזענבערג**
בארא פארק

**אלי קנאלל**
מאנסי

**ישראל פוקס**
קרית ברסלב

**יחזקאל שרגא קרויס**
בארא פארק

**לייבי לייבערמאן**
טאמס ריווער

**אברהם מרדכי פיש**
קרית ברסלב

**אברהם חיים קלאקסברון**
לעיקוואד

**אהרן קליטניק**
בארא פארק

**משה יחיאל פעלדמאן**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449

# איך גיי קיינמאל נישט חתונה האבן

ישראל דוד העסקעל

**לאמיר** איך פארציילן זייער א פערזענליכע געשיכטע. א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט פונקט אכט יאר צוריק, זייער זייער א פערזענליכע מעשה. כ'ווייס נישט אויב איך האב עס בכלל אמאל געזאגט פאר איינעם, א מעשה וואס ווען ס'האט זיך אפגעשפילט האב איך צוגעזאגט פארן אייבערשטן אז איך וועל עס אפשרייבן און מפרסם זיין, אפילו איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי...

אן צופיל הקדמות לאמיך אייך גראד אהין טראגן:

איך בין געווען אכצן יאר אלט, איך האב שוין געהאט די זכי' צו ווערן געווארפן פון דריי ישיבות ב"ה. יעצט ביי דעם פונקט ווי איך הייב אן די מעשה בין איך שוין ווייטער געווען אינדרויסן פון א ישיבה, איך מיט נאך פינף בחורים האבן געהאט די זכי' צו באקומען דעם גרויסן 'לא נתקבל'....

ס'איז שוין געווען טיף אינמיטן חודש חשון, איך בין דעמאלט געווען אין אזא טיפע יאוש אז ס'איז מיר בכלל נישט אנגעאנגען די פאקט אז איך בין אינדרויסן אן קיין ישיבה...

מיינע חברים פון די אנדערע זייט, זיי האט יא אביסל מער געברענט צו זיין אין ישיבה, זיי האבן געקוקט אויף די מציאות וואס ס'וועט זיין מיט ווערן א חתן, ווייל אן א ישיבה וועט מען נישט קענען קיין חתן ווערן... וואס טוט מען דא?!

איך האב מיך געמאלדן צו מיינע חברים "הערטס מיר גוט אויס, טוטס וואס עטץ ווילטס איך שלעפ זיך נאך... איך וועל מיטקומען מיט ענק..."

עפעס א ישיבה אין לעיקוואוד איז דעמאלט ארויפגעקומען אויפן טיש, זיי האבן א דארמיטארי, מ'קען טון וואס מ'וויל, קיינער פייניגט נישט... ס'האט אונז גוט געשמעקט, אבער דאך אינגאנצן זיין אויף הפקר... הממממ כ'ווייס נישט...

ביז איין טאג האט איינע פון די חברים פון די "ארויסגעווארפענע בחורים" אונז געמאלדן אז ער האט געטראפן איינער ר'

מאיר שלעזינגער שליט"א וואס איז יעצט געקומען פון לאנדאן, ער איז א פעטער צו דער שלעזינגער וואס איז געווען איינגעשטעלט אין אונזער אלטע ישיבה, און קען זיין אז ער איז גרייט אונז צו עפענען א ישיבה!

מ'גייט זיך טרעפן, מ'גייט האבן א מיטינג די בחורים מיט דעם נייעם ראש ישיבה און מ'וועט זען אויב ס'קליקט...

אונז זענען ארויסגעפארן קיין מאנסי מיט געמישטע געפילן זיך טרעפן, ווער איז דער איד, וועט ער בכלל פארשטיין צו אונז? כ'מיין, אונז זענען נישט קיין למדנים און נישט קיין שקצים, מיר זוכן פשוט א מסגרת צו קענען דורכשטופן ביז מיר וועלן שוין קענען באפרייט ווערן פון די לאנגע גלות וואס הייסט "בחור'ישע יארן" און קענען חתונה האבן אין א מזל'דיגע שעה.

די מיטינג איז גאנץ פיין אריבער, דער נייער ראש ישיבה איז גאנץ א געשמאקער, איין זאך האב איך זיך פארהאנקעט מיט אים, איך האב געמוזט וויסן וואס גייען זיין די תקנות אין די נייע ישיבה? צו וועלכע פרישע גזירות וועלן מיר זיך מוזן צושטעלן?

אויף וואס דער נייער ראש ישיבה האט מיר געענטפערט: "ס'איז נישט דא קיין תקנות, איין תקנה איז דא מ'מוז פאלגן וואס דער אייבערשטער זאגט."

הע הע יא יא זיכער... כ'מיין מ'מעג האבן סמארטפאון'ס? מ'מוז זיצן ביים שיעור, וואס זענען די תקנות?

"וואס דער אייבערשטער הייסט דאס מוז מען פאלגן" ענטפערט ווייטער דער נייער ראש ישיבה, איך וועל ענק זאגן דעם אמת, ביי דעם פונקט האב איך געפסל'ט דער מענטש, א מין מאדנע בריאה, וואס קען ער נישט ענטפערן נארמאל??

מיר פארן אהיים, די פלענער רוקן זיך פאראויס, ס'קוקט אויס ווי די נייע ישיבה ווערט א מציאות! נאר איין זאך, דער נייע ראש ישיבה האט געזאגט אז דער בחור ישראלי העסקעל, ער ווייס איך נישט אויב ער זאל קומען, און איך האב געטראכט צו מיר 'אפשר טאקע זאל איך זוכן א פלאץ מער געאייגנט פאר מיר...'

אבער איין רגע, עד כאן, אלע מיינע חברים גייען אהין און איך בלייב אויסגעשפילט? אליין?? אינגאנצן אליין, אוי ווי נאר דאס נישט...

איך קלינג אן מיין גוטער חבר, איך בעט זיך ביי אים: "מאטי דו האסט דאך א גוטע שפראך מיט דער נייע ראש ישיבה שתדל פאר מיר ער זאל מיר אננעמען." מיין חבר קאלט מיך צוריק צוואנציג מינוט שפעטער



"ישראלי, הער אויס ר' מאיר איז יעצט דא אין בארא פארק ביי א חתונה, ער זאגט ער וויל דיר טרעפן, גיי קיין עטרת גאלדא און קאל אים, ער איז גאר א פיינער, ער וועט דיר זיכער אננעמען..."

גוט מיואש מיט א קלאפעדיגע הארץ שלעפ איך זיך אריבער קיין עטרת גאלדא, און איך קאל ר' מאיר, שוין לאמיר זען ווי אזוי ס'וועט זיך דא אויסלאזן, וואסערע תנאים וועל איך דארפן אונטערשרייבן, אויף וויפיל וואכן וועל איך זיין אויף 'פראבע'...

דער נייער ראש ישיבה קומט ארויס פון זאל, און געבט מיר אזא מין שמייכל "אהה שלום עליכם!" שוין וועלכע געים שפילט ער דא יעצט טראכט איך גראד צו מיר... "איך קען דיר געבן א ציגארעטל?" פרעגט ער מיר גראד "יא זיכער..."

"נא לאמיר הערן" הייבט זיך אן די שווערע טיפע אננעמען אין ישיבה שמועס "פארוואס ווילסטו קומען אין ישיבה?"

איך טראכט צו זיך וואס דארף איך אויף דעם צו ענטפערן? וואס פאר א קשיא איז דאס בכלל? שוין איך גיי שפילן סעיף "איך וויל קומען אין ישיבה לערנען!"

"וואס, דו ווילסט קומען לערנען?! אוודאי ביסטו אנגענומען, וואס איז די שאלה בכלל! אזוי חשוב, א בחור וויל קומען לערנען, וואס קען זיין שענער פון דעם?!"

איך בין גאר פרייליך געווען צו הערן אז איך בין אנגענומען אין ישיבה, אבער איך גיי אוועק פון דארט טראכטנ'דיג 'דער איד דארף א דאקטער...' וואס, ער מיינט טאקע אז איך וויל לערנען? ער קוקט מיר נישט אויס אזא תמים... כ'מיין ער ווייסט גאנץ גוט אז איך זיך פשוט א פארקינג ספאט ביז....

א וואך איז אריבער און ס'איז דא גוטע נייעס, מיר האבן א פלאץ! באסטענע רב פון עירמאנט אויף די מארדעי גאס איז גרייט צו פארדינגען זיין שול פאר אונזער ישיבה, און ווייטער ארויף ביים ווינקל לאורע איז דא א איד וואס האט ליידער נישט קיין קינדער, ער קען באשטיין צו פארדינגען זיין בעיסמענט פארן דארמיטארי, מ'האמיר א ישיבה!

לאך נישט - די ישיבה האט זיך געעפנט מיט פיר בחורים! יא פיר... ס'איז געווען יענץ ישיבה, דער נייער ראש ישיבה האט געלאזט אטעמען, אבער ערליך מוז מען זיין - האט ער פארלאנגט, נאאיוו איז ער נישט געווען, ער האט גראד געזען מיט וועמען ער האנדלט דא... ער האט זיך פשוט צוגעמאכט די אויגן, געשמייכלט און געגעבן חיזוק.

עטליכע וואכן זענען פארביי און ס'איז אריינגעקומען נאך עטליכע בחורים אין די ישיבה, די ציפער האט שוין געהאלטן ביי גאנצע זיבן בחורים, אבער דער זיבעטער ער איז געווען דער חורבן!

דער זיבעטער בחור האט זייער נושא חן געווען פאר "מיין בעסטער חבר" און ביז אפאר שעה האב איך זיך דערזען מיט אויס בעסטער חבר, ס'איז פערטיג! איך זיץ ביי לאנטש אין שול, איך בין אריינגעפאלן אין אזא טיפע מרה שחורה און דער ראש ישיבה האט עס גראד אויפגעכאפט, ס'האט אים זייער וויי געטון. הגם איך בין אים געזעצן דארט אין ישיבה ווי א ביין אין האלז, ער האט זיך שוין געהאט באקענט פון דערנאנט מיט מיין ביכעלע תירוצים.... אבער אז א בחור איז אזוי צוקלאפט האט ער נישט געקענט צוקוקן.

ער רופט מיר ארויס אינדרויסן אין בעק יארד ער נעמט מיך ארום און פרעגט מיר "וואס קוועטשט דיר? איך זע עפעס איז נישט מסודר, וואס גייט פאר?"

"נע ס'איז גארנישט" זאג איך "סתם קינדעריש, ס'וועט אריבערגיין, דער ראש ישיבה דארף נישט זיין באזארגט..."

"אבער דאך, פאר מיר מעגסטו זאגן, איך בעט דיר זאג מיר, וואס קען שוין זיין אז דו וועסט מיר זאגן? דו וועסט עס ארויסרעדן דו וועסט שפירן גוט, איך גיי דיר נישט דן זיין, איך זאג דיר צו!"

"אקעי פיין, איך וועל פארציילן, דער נייע בחור איז אנגעקומען און ער האט מיר צוגענומען מיין בעסטער חבר!"

איך געדענק נישט וואס ער האט מיר דעמאלט געזאגט אבער די שמועס האט גענומען איבער צוויי שעה, איך האב געשפירט אז איינער זארגט באמת פאר מיר, איך האב זיך אינגאנצן אויפגעעפנט מיין הארץ, אלעס פארציילט ווי שטארק איך וויל זיין גוט, ווי שטארק איך וויל לערנען און דאווענען און זיך פירן מיט יראת שמים אבער איך בין אפגעשטעמפלט אז איך וועל שוין גארנישט קענען, און אז פון מיר וועט שוין גארנישט זיין, דאס האבן אלע קלאר מעיד געווען אויף מיר...

ער האט זיך גענומען לאכן ער רופט זיך אן צו מיר: "נישט דא אזא זאך, זיכער קענסטו נאך זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, צו קענען זיצן און לערנען און שפירן א טעם אין אידישקייט, וואס איז די שאלה בכלל?! איך וועל דיר העלפן, איך וועל דיר באגלייטן, האב נישט קיין מורא, לאך דיך גוט אויס פון יעדן..."

די שמועס איז געווען גאר געשמאק, ס'איז אויך געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געפילט ווי איינער וויל מיר באמת העלפן אן קיין נגיעות אן עפעס צוריק זען, פשוט ווייל ער האט מיר ליב, איך האב זיך זייער גוט געשפירט.

יענע נאכט באקום איך א פאון קאל פון

דעם ראש ישיבה "איך זיץ דא אין א שול אבני שלמה, ס'איז זייער אנגענעם, קום אריבער". זאג איך אים "איך האב נישט קיין פעני פאר א טעקסי".
"האב נישט מורא איך וועל עס באצאלן" ענטפערט ער ליבליך.

איך קום אריבער צו יענעם שול און ס'זיצט דארט אפ א קרעמל, מ'פארברענגט און מ'רייכערט, ער האט מיך געמאכט פילן דארט אזוי היימיש, כאילו איך בין א חלק פון די זאך, ער האט מיר זייער אויפגעהויבן.

צוביסלעך האבן מיר אנגעהויבן א שיעור, ער האט מיר געוויזן ווי אזוי צו לערנען, איך האב באקומען אזא זיסע טעם אין א שטיקל גמרא, ביז מער האב איך שוין גארנישט געוואלט...

אלע מיינע נארישקייטן האב איך ארויסגעווארפן, איך בין געזעצן, געלערנט און געדאווענט, און מער מיט מיט קיינעם גארנישט געהאט... ביינאכט פלעג איך גיין דארט אינעם קרעמל אין אבני שלמה לערנען, נאך אביסל פארברענגען, ס'איז געווען א מחי'.

איין פראבלעם איז געווען איך האב זיך אפגעשלאסן פון די וועלט... אויף מיינע אלטע חברים האב איך מער נישט געוואלט קוקן, און ווער ס'האט מיר געקענט האב איך געהאט זייער א נישט גוטע נאמען אין די גאס וכו' וכו'. שידוכים איז געווען עפעס וואס קומט נישט אין באטראכט בכלל... ס'איז געווען זייער ביטער.

מיט די צייט (קוים אפאר וואכן) בין איך ארויס פון די "ישיבה" דער ראש ישיבה ר'

מיט אנדערע חברותות. ביינאכט בין איך געשלאפן ביי א גוטער איד וואס האט מיך אריינגענומען, און יעדער מינוט וואס איך האב געקענט פארברענגען מיט ר' מאיר האט איך אריינגעכאפט, און דאס האט מיר געגעבן חיזוק.

ביינאכט ווען יעדער פלעגט אהיימגיין בין איך געבליבן דארט אליין אין שול, און דעמאלט פלעג איך רעדן מיטן אייבערשטן איך בין געווען אזוי אליין, אזוי צובראכן, קיינער האט נישט געוואוסט וואס גייט אויף מיר אריבער. דארט אליין פלעג איך אסאך רעדן צום אייבערשטן און אים פארציילן מיינע שוועריקייטן וואס איך גיי אריבער, ווי אזוי וועל איך א חתן ווערן, ווער וועט מיר וועלן אנקוקן בכלל?

איך האב דעמאלט געהערט א שיינע ניגון אויף די ווערטער "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, אין שום מציאות בלעדיך יתברך כלל, ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם" דער ניגון האט עפעס זייער שטארק גערעדט צו מיר, איך פלעג זיצן אליין אין שול הערן דעם ניגון, און וויינען צום אייבערשטן אז איך וויל זיין ערליך, איך וויל תשובה טון, איך וויל שוין חתונה האבן, אפילו ס'זעט אויס אוממעגליך".

צו פארשטיין אביסל מיין קלעם, איך האב אונטערגעשיקט איינעם צו זייער א גרויסער שדכן פון די חסידות פון וואו איך קום, ווי נאר יענער האט געהערט מיין נאמען האט ער געזאגט פאר יענעם "ביטע קאלט מיך מער נישט" און פלען אראפגעלייגט דעם טעלעפאן.

איך פלעג וויינען צו ר' מאיר ווען ער האט מיך מחזק געווען "וועל איך נאך אמאל א

חתן ווערן? איז עס בכלל מעגליך? קיינער אויפן כדור העולם קען מיך נישט! וואס וועט זיין דא."

ער האט מיר נאכאמאל געזאגט אז "דער אייבערשטער פירט די וועלט, דיין שידוך קען קיינער נישט געבן און קיינער נישט צונעמען, פארלאז דיך נאר אויפן אייבערשטן, וועסטו זען דער אייבערשטער האט פאר אלעס א פלאן, דו לאז דיך נאר פירן..."

איך קען נישט גענוג מסביר זיין און שילדערן אויף פאפיר וואס איך בין דעמאלט אריבער, איך האב קיין זמן קריאת שמע נישט פארפאסט, געזעצן כמעט א גאנצן טאג און געלערנט, איך האב גערעדט צום אייבערשטן אן אויפהער, ווייל איך האב נישט געהאט צו וועמען צו רעדן... אבער אין גאס איז מיין נאמען געווען זייער פארשמירט...

און מיט תפילה קומט מען איבעראל, אפילו עס מאכט נישט קיין ברעקל סענס. חדשים זענען אריבער, חדשים פון זיך דערהאלטן אין ביטער שווערע מצבים... מיליאן מאל האב איך געשפירט אז דאס איז עס איך קען שוין מער נישט.... אבער איין טאג ביי לאנטש האט עס פאסירט, איך בין געווען ביי ר' מאיר אינדערהיים איך האב אים אהיימבאגלייט פון שול פאר לאנטש, ער לאנדט מיר אריין צו זיך אינדערהיים "קום אריין עפעס עסן."

נאכן עסן גייען מיר ארויס אויפן פארטש כאפן א ציגארעטל, און ר' מאיר דרייט זיך אויס צו מיר און פרעגט מיר: אפשר ווילסטו ווערן מיין איידעם???

איך האב נישט געוואוסט צו לאכן צו וויינען, וואס מיינט אזא מין קשיא, ער טרייבט ליצנות פון מיר? איך שאקל האלבוועגס מיט די קאפ, און איך מורמל זיך אונטער "וואס דער ראש ישיבה טראכט איז גוט און פאסיג..."

חמשה עשר באב שנת תשע"ו האט דער אייבערשטער אויף מיר רחמנות געהאט און מיך אויסגעלייזט פון די פינסטערע גלות וואס הייסט בחור'ישע יארן, מיין טייערער חשובער שווער שליט"א וואס האט מיר אזויפיל געהאלפן און באגלייט האט מיר גענומען פאר א חתן...

מיין משפחה האט געהאלטן אז איך בין נאכנישט גענוג מעטשור (איך מיין איך בין נאכאלץ נישט) חברים האב איך פלעין נישט געהאט ווייל פאר זיי בין איך א באָם, און פאר זיי בין איך א פרומער... קיין שדכן האט מיין נאמען נישט געוואלט הערן, אין א מסגרת בין איך נישט געווען... על פי דרך הטבע איז נישט געווען מעגליך איך זאל א חתן ווערן!

אויף אזוי ווייט אז איך בין שוין דעמאלט געווען באלד צוואנציג, און מיינע עלטערן האבן מיר שפעטער געזאגט אז ס'איז נישט געווען קיין שום פאון קאל, קיינער האט גארנישט אנגעטראגן!

אבער נאר דורך תפילה האב איך זוכה געווען צו קענען לאכן דעם יצר הרע אין פנים, און איך בין א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת מיט די בעסטע שענסטע שידוך אויף די וועלט!

פלאצן זאל יעדער, תפילה העלפט!

שכח אייבערשטער אז איך קען מקיים זיין דאס וואס איך האב דעמאלט צוגעזאגט אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה, און גרויס מאכן דיין נאמען. יעדער זאל וויסן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, נישט דער גרויסער שדכן, און דער גרויסער מויל מאכער, און נישט די מסגרת מיט די בילד פון אינדרויסן!

שכח אייבערשטער פאר די חסדים וואס דו האסט מיט מיר געטון דעמאלט, שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר שפעטער אויך נישט איבערגעלאזט, און מיך געברענגט צו די העכסטע פלאץ אויף דער וועלט, איך זאל קענען מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן און לעבן מיט די לימודים. "אייבערשטער איך ווייס דו וועסט מיר קיינמאל נישט פארלאזן, העלף איך זאל דיר קיינמאל נישט איבערלאזן."

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

Get care at home.
TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH
We accept most insurance plans
PRESCRIPTION REFILLS
STREP CULTURES
FLU & COVID/ RSV TESTING
SEASONAL ALLERGIES
EAR EXAMS
RASHES/ PINK EYE
URINE CULTURES
LAB-WORK
Medease
CARE AT HOME
718.208.2030
Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care
SERVICING CATSKILL AREAS & BROOKLYN

די ערשטע
סטאפ אויפן
וועג אין קאנטרי
100
קרית ברסלב
ספרים
& judaica
Free Delivery with minimum order
מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, Judaica, games
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוויל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
מיר זענען אפען א גאנץ יאר
שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער
ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס
אפען טעגליך - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00
347.578.4449
51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance

HURLEYVILLE LEASING
STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.
845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.CO

Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915
OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS
CERTIFIED
KAYE LARCKY
FITTER
ABERGELE VA BIEN YOU FITFULLY YOURS GEMSLI KAYE LARCKY

מזל
טוב!
מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה בנציון ברוין הי"ו
וזוגתו גיטל תחי'
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
ווייטער געזונטערהייט.

Free Delivery with minimum order
END OF SUMMER
SALE
זונטאג עקב ביז זונטאג ראה
15%
STOREWIDE
קרית ברסלב
ספרים
& judaica
אפען טעגליך
9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג
9:00 צופרי ביז א האלבע שעה
פארן זמן
מוצאי שבת
א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00
שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער
ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס
347.578.4449
51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance

# Grilled chicken cutlets

perfect for the summer days

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 4 CHICKEN CUTLETS:
- 2 T MAYO
- 1 T SOY SAUCE
- 2 T MUSTARD
- 2 T HONEY
- 1 T VINEGAR
- 1 CRUSHED GARLIC
- SALT AND BLACK PEPPER FOR A TASTE.
- PINCH PARSLEY FLAKES

## DIRECTIONS:

1) MIX ALL INGREDIENTS IN A BOWL AND ADD CHICKEN CUTLETS.

2) LET MARINATE FOR A FEW HOURS.

3) GRILL EACH SIDE FOR 7-10 MINUTES

4) GRILL EACH SIDE FOR 5-7 MINUTES ON MEDIUM FLAME

DON'T FORGET TO BEIT AIBERSHTER SHOULD BE GOOD.

פאר די
ברסלב'ע
שטוב

מ. פאפנהיים

# איך לעבנ'ס
# סוף

"א גוטן טאג מאמי!"

"א גוטן טאג שלומי! ווי אזוי איז געווען היינט אין חדר?"

"מאמי, ס'דא אינדרויסן א גרויסע טרעילער, איך קען גיין קוקן?"

"וואס? און חדר איז געווען א טרעילער?"

ער צושמייכלט זיך און כאפט זיין טעות. "אין חדר איז געווען געשמאק, נאר דא אויפן גאס איז דא א גרויסער טרעילער, איך קען גיין קוקן?"

"יא, קענסט גיין זען, נאר קודם טרינק עפעס".

נתי קומט צולויפן, "איך מעג אויך?"

"דו קענסט אויך גיין, אויך מוישי און רבקי קענען מיטגיין, נאר שטייט אין זייט און שטערט נישט די ארבעטער'ס ארבעטן".

פריידעלע הייבט אויף די אויגן פון איר ביכל, "ווער ארבעט דא?"

"קיינער ארבעט דא נישט" - זאג איך איר - נאר מסתמא קומט

דא וואוינען א נייע משפחה ביי די הויז פונעם אלטן שכן שווארץ ע"ה, און די קינדער זענען ארויסגעגאנגען זען ווי זיי מופן דא אריין".

"אה, ס'איז מיר נישט אינטערעסאנט, איך גיי צוריק ליינען מיין ביכל".

אפאר מינוט ארום קומט שלומי' צולויפן פארסאפעט "פריידעלע דו מוזסט קומען! עס מופט דא אריין א נייע משפחה, מיט אססססאאאך קינדער! און זיי האבן צוויי מיידלעך! אזוי ווי דיר! דו מוזסט קומען!"

פריידעלע שפרינגט אויף, "מאמי! איך לויף ארויס!"

"קענסט גיין - זאג איך איר - אבער שפיל מיט זיי נאר אינדרויסן".

פון ווען די הויז איז געשטאנען צו פארקויפן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן גוטע שכנים, יעצט דארף מען האלטן א וואכזאם אויג, צו מען קען זיך טאקע פארלאזן אויף זיי.

אביסל שפעטער גיי איך ארויס, אריינצורופן די קינדער צום נאכטמאל און גיין שלאפן, די טרעילער'ס ענדיגן שוין זייער ארבעט, און דערווייל האט שוין פריידעלע זיך גוט באקאנט געמאכט מיט צוויי זיסע מיידלעך, זיי זענען אויס אביסל גרעסער פון איר, און זיי גייען אנגעטון שיין איידל און בא'טעמ'ט, שלומי און נתי לויפן דארט ארום מיט א זיסער אינגל, אט עפנט זיך די טיר און די מאמע קומט ארויס אין באגלייטונג פון עטליכע קליינע קינדערלעך, איך באגריס איר פריינטליך און זי דערפריידט זיך קענטיג מיר צו טרעפן.

נאך עטליכע סעקונדעס שמועסן כאפ איך וועלכע משפחות זיי זענען, פון אלע זייטן זייער וואוילע חשובע מענטשן, און פארשטייט זיך אז ערגעץ וואו טרעפן מיר זיך צאם אלס שני בשלישי, און זיי האבן זיך שוין נאכגעפרעגט נאך פארן אריינגיין דא וואוינען אויף די שכנים... זי זעט אויס צופרידן צו זען ווי אירע קינדערלעך לויפן ארום מיט יעדן, היינט נאכט זענען די קינדערלעך אביסל גרינגער אהיימגעקומען, ווייל אויך די נייע שכנים האבן געדארפט אהיימגיין העלפן...

אויפצומארגנ'ס ווייל פריידעלע נאר ארויסלויפן צו די נייע שכנים, אבער איך דארף איר הילף לכבוד שבת, זאג איך איר, "דו ווייסט? איך וואלט געוואלט אריינשיקן א קוגל צו די נייע שכנים". זי שפרינגט אויף, "איך וויל דיר העלפן!" זי שיילט מיט חשק די קארטאפאל און ביז ווען עס ווערט פארטיג, טוט זי געדן וואס איך בעט פון איר. ווי נאר די שמעקעדיגע בעקעלע קוגל איז ארויס פון אויוון, האט זי זיך שיעור אפגעבריט ווייל זי וויל עס שוין אריבערטראגן. דערווייל איז שוין געווארן שפעט, זאג איך איר קענסט עס אריבערטראגן, אבער פארברענג נישט צו לאנג.

"ווייסטו וואס? מארגן פרייטיג צונאכט'ס זאג זיי אז זיי קענען אריבערקומען צו אונזער הויז זיך שפילן, מיט די קליינע קינדערלעך"

זי איז פרייליך אריבערגעגאנגען. אבער ביז אפאר מינוט האב איך זיך געוואונדערט איר צו זען צוריק.

"יא, ווייל חני מיט רבקה לאה דארפן אויך העלפן לכבוד שבת, און זייער מאמע זאגט א גרויסן שכח, און זי ווערט זיך פרייען אז זייערע קינדער וועלן קענען קומען דא נאך ליכט צינדן".

אויב אזוי איז דאך זייער גוט, אזוי וועל איך קענען פונדערנאנט כאפן א טיפערן בליק אויף זיי.

"איין מינוט, פריידעלע, חני און רבקה לאה זענען א צווילינג?"

פריידעלע קוקט מיר צוריק, זיי האבן מיר געזאגט אז זיי זענען צען יאר, אבער זיי זענען נישט א צווילינג".

"וואס הייסט?" פראביר איך צו פארשטיין.

פריידעלע האט נישט קיין קלארע תשובות "עפעס א גאנצע מעשה, אינמיטן האט מען שוין געדארפט אהיימגיין, ווייס איך נישט".

עס ווערט מיר גוט, ווער ווייסט וואס ס'גייט דארט פאר, איך האף אז מארגן וועל איך קענען געוואויר ווערן.

נאכן ליכט צינדן איז פריידעלע מיט רבקי געגאנגען זיי רופן, זיי זענען אריינגעקומען מיט א שעמעדיגן שמייכל מיט זייערע קלענער געשוויסטערלעך, חני האט מיר שעמעדיג איבערגעגעבן אז איר מאמע זאגט א גרויסן שכח, ווייל זי איז זייער אויסגעמוטשעט פונעם מופן, און זי זאגט אויך א גרויסן שכח פאר די קוגל.

איך האב זיי אנגעוויזן צו ארויסברענגען שפילצייג פאר די קליינע, און די מיידלעך האבן זיך אראפגעזעצט אויפן סאפע, פריידעלע איז צוגעגאנגען צום פונקט, אן צו טראכטן צוויי מאל, "ענק זענען נישט א צווילינג, אמת?"

איך טראכט צו מיר, אוי וויי! איך דארף איר אויסלערנען אביסל דרך ארץ! אבער איך פריי זיך אויך צו וויסן וואס עס טוט זיך דארט...

אבער עס זעט בכלל נישט אויס אז זיי זענען געווארן דערשראקן, רבקה לאה ענטפערט מיט א רואיגקייט, "איך בין נישט קיין זייער מיידל, איך בין זייער קאזין, מיין טאטע מאמע לעבן שוין נישט".

פריידעלע זעט אויס אויפגעשוידערט, "עכט?!"

רבקה לאה שאקלט צו מיטן קאפ, "יא, מיין מאמע איז עכט חני'ס מאמע'ס שוועסטער, ווען איך בין געווען א בעבי פון דריי חדשים זענען מיין טאטע מאמע געפארן ערגעץ, אינמיטן וועג איז געווען א עקסידענט און זיי זענען נפטר געווארן לא עלינו, פון דעמאלט וואוין איך ביי מיין מומע, זי איז אזוי ווי מיין מאמע".

מיט איין מינוט דערמאן איך זיך אין די שרעקליכע טראגעדיע וואס האט אויפגעשוידערט די גאנצע שטאט, און

דא זיצט די דעמאלטס'דיגע בעיבי און דערציילט עס אזוי פשוט.

"יא - דערציילט ווייטער חני - מיר זענען כמעט א צווילינג, איך בין עלטער מיט צוויי חדשים, אבער מיר טוען א - ל - ע - ס צוזאמען".

רבקה לאה שטימט צו מיט יעדן ווארט, "עס איז זייער גוט צו וואוינען ביי זיי, אלעמאל איז דארט לוסטיג און לעבעדיג".

**איך בין זייער נתפעל געווארן צו זען אז זי נעמט עס אן אזוי פשוט, אזוי גרינג!**

"און מיר פארדינען אסאך גוטע זאכן פון דיר" - לייגט חני צו - "אסאך מאל גייט רבקה לאה באזוכן איר באבי הארוויץ" דערציילט זי פאר פריידעלע "באבי הארוויץ איז איר טאטע'ס מאמע, זי געבט איר אסאך מתנות און נאש, און רבקה לאה לאזט פאר יעדן האבן פון דעם".

ממש צו מקנא זיין - טראכט איך צו מיר - עס איז אינטערעסאנט אז רבקה לאה נעמט אן איר מצב אזוי ווי עס איז די נארמאלסטע זאך אין די וועלט. א קלאפ הערט זיך אין טיר, די קינדערלעך שפרינגען אויף "ס'איז מיין מאמע" שרייט רבקה לאה אויס, פריידעלע קוקט איר אן, "אבער דיין מאמע לעבט שוין נישט!" "מיין עכטע מאמע לעבט נישט" - פארעכט זי איר - "אבער איך האב אנשטאט דעם א אנדערע מאמע".

יא, עס איז טאקע זייער מאמע זי האט נישט קיין ווערטער זיך צו באדאנקען "די איינס א האלב שעה פון זיך צו קענען אפרוען אביסל האט פשוט געמאכט דעם שבת" זאגט זי. איך קאמפלימענטירט איר אויף אירע זיסע קינדערלעך, זי פריידט זיך צו הערן אז זיי זענען געווען וואויל.

עס ליגט מיר אויפן צונג איר צו זאגן עפעס וועגן רבקה לאה, איך קען נישט באשליסן צו עס וועט איר אפשר ווי טון אדער נישט, אבער זי כאפט מיר אויס "דו ווייסט אז איינס איז נישט מיינס?" איך שאקל צו מיטן קאפ, "די מיידלעך האבן עס דורכגעשמועסט צווישן זיך, און איך מוז דיר זאגן אז איך בין זייער נתפעל געווארן צו זען אז זי נעמט עס אן אזוי פשוט, אזוי גרינג, און אויך דיינע קינדערלעך ארום זענען זייער אפן מיט דעם און נעמען איר אן אלס א גוטע שוועסטער".

א וואלקן לויפט אריבער איר פנים "יא, ליידער ווייסט רבקה לאה נישט פון עפעס בעסער'ס... זי איז ביי מיר פון... פון נאכדעם וואס... פון נאכדעם וואס מיין שוועסטער איז נפטר געווארן, און זי האט זיך באמת געהאדעוועט אזוי ווי א צווילינג מיט מיין חני, אבער פאר מיט טוט עס אסאך מאל אזוי וויי, זי דערמאנט מיר זייער שטארק פון איר מאמע ע"ה, זי איז זייער ענדליך צו איר, און עס טוט אזוי וויי אז זי הייבט איר נישט אן בכלל צו קענען... אז זי ווייסט נישט בכלל נאכוואס צו זיך בענקען..."

איך ווייס איר נישט וואס צו ענטפערן, איך קען איר נאר זאגן "וואס ווייסן אונז, מיר קענען נישט פארשטיין די וועגן פונעם אייבערשטן, אבער דו קענסט זיך אויסרעדן צו אים קענסט אים דערציילן ווי שווער עס איז אסאך מאל און אים בעטן ער זאל דיר געבן כח", אירע אויגן שיינען אויף "זאגסט אז איך קען זיך אויסרעדן צום אייבערשטן? אים דערציילן ווי שווער ס'איז, און אים בעטן כח, איך דארף עס פראבירן, און דו ווייסט - זאגט זי מיר - אסאך מאל טראכט איך, אז מיר קוקן נישט אויס צופיל בעסער, מיר זענען שוין אזוי לאנג אין גלות און מיר ווייסן אפילו נישט אויף וואס זיך צו בענקען וואס עס פעלט אונז דא".

אה, די מענער קומען שוין אהיים, האב א פרייליכן שבת! און נאכאמאל א גרויסן שכח!

אירע לעצטע ווערטער זענען מיר געבליבן קלינגען אין די אויערן, מיר זענען שוין אזוי לאנג אין גלות, מיר ווייסן אפילו נישט אויף וואס זיך צו בענקען... אבער אונזער טאטע לעבט נאך, און ער גייט אונז איין טאג אהיימנעמען צו זיך.

"הייליגער באשעפער! איך ווייס נישט ווי שיין מיין לעבן קען זיין ווען איך וועל טון דיינע מצוות, און זיך אויסרעדן דאס הארץ צו דיר. איך ווייס נישט ווי שיין מיין לעבן קען זיין מיטן בית המקדש, איך ווייס נישט ווי עס קוקט אויס א קרבן פסח, ניסוך המים, מקריב זיין א קרבן תודה, און די זיסע געפיל נאך יום כיפור ווען מען זעט קלאר ווי די רויטע בענדעלע ווערט ווייס, אבער טאטע זיסער! איך פיל דעם גלות אויף אלע ביינער! יעדן מאל ווען איך וויל רעדן צו דיר קומט מיר עס אן אזוי שווער.

דער הייליגער רבי זאגט אז משיח גייט איינעמען די וועלט מיט תפילה! באווייז זיך שוין פאר אונז און פיל אן די גאנצע וועלט מיט דיין כבוד אז אלע זאלן נאר טראכטן און רעדן פון דיר".

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

**סיום הש"ס פון הבחור חיים זאנוויל פליישמאן נ"י**

קרעדיט: יוסי פרערויא

**וואכנאכט פון אן אייניקל ביי מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו אין שטעטל**

קרעדיט: אייזיק ראטה

**דער דיין שליט"א אין א שמועס מיט די אינגעלייט אין מחנה אילן החיים**

**מען גרייט צו דעם שאטער "הרחבת הדעת" אויף ראש השנה**

**דרייסיג טויזענט קונטרסים פאר די מפיצים אין ארץ הקודש**

**מיטינג מיט די מענעדזשערס פונעם אנשי חיל קאמפיין ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים**

קרעדיט: שמעון פיש

דף גמרא שיעור אין בית המדרש ליקוטי מוהר"ן

קרעדיט: יוסי פרערויא

יום כיפור קטן אין בית המדרש קרית יואל

מו"ה אהרן פיש הי"ו אין א שמועס מיט הגאון ר' משה גראס שליט"א איבער סדר דרך הלימוד

תלמידי הישיבה בארץ ישראל מסיים חומש במדבר

**א שפאציר אין מחנה אילן החיים**

קרעדיט: יוסי פרערויא

א נייע בימה אין בית המדרש
היכל הקודש בית שמש

הפצה אין בית המדרש
היכל הקודש אלעד

פארשריט ביים מקוה פון בית
המדרש אשר בנחל

מען טיילט מתנות פאר די אינגעלייט וואס האבן געהאלפן ביים פאריעריגן קאמפיין אנשי חיל אין ארץ ישראל

קינדער בלעטל
!!!
פארוואס האט
מוהרא״ש לי״ע
צושטריבלטע
פיאות?
בעעע...
מיין העמד איז ליידיג...

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן

לָאמִיר אִים נָאכְלוֹיפְן...!

אַלֶע קִינְדֶער וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט? מִיר מוּזְן אִים נָאכְלוֹיפְן, מִיר מוּזְן זֶען וָואס עֶר הָאט דָארְט, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט'

דִי קִינְדֶער לוֹיפְן, זֵיי לוֹיפְן אוּן לוֹיפְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט; דֶער מְשׁוּגָע'נֶער אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן, בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין הַאנְט אוּן... אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן נָאנְט, מֶען קוּקְט אִין זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; עֶר הָאט אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין זַיין הַאנְט

דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט: "מֶעהֶהֶהֶ...!!! אַ גַאנְצְן טָאג זֶענֶען מִיר אִים נָאכְגֶעלָאפְן, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גוּטֶע סְחוֹרָה, גוּטֶע זַאכְן; אַ שָׁאד אוּנְזֶער צַייט", - הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער גֶעזָאגְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו) אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אוּנְז, עֶר נַארְט אוּנְז אָפּ; עֶר וַוייזְט אוּנְז אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶפֶּעס גוּטְס לִיגְט אִין זַיינֶע הֶענְט, מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ, מֶען פָאלְגְט אִים, בִּיז עֶר עֶפְנְט דִי הַאנְט; דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא קַיין גוּטְס בַּיי אִים

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַ צַדִּיק, עֶר פָאלְגְט אַ צַדִּיק, וֶועט עֶר הָאבְּן פוּלֶע הֶענְט; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

בֶּעעע... מַיין הֶענְט אִיז לֵיידִיג

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

מיין ציין האט ווי געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל נישט ווי טון. מיין מאמע האט פרובירט צו מאכן אן אפוינטמענט אבער מ'האט נישט געקענט האבן אן אפוינטמענט.

איינער האט געזאגט אז אין מאנהעטן איז דא א דענטיסט, אבער אפאר מאל האט מען אונז דארט אפגעזאגט בשעת מ'איז אנקומען, ביז זיי האבן אונז ברוך השם אריינגעלאזט.

*אליעזר שלמה בירנבוים, קרית ברסלב*

1) איך האב זייער שטארק געוואלט גיין שווימען, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל ערגעץ קענען גיין שווימען. שכח אייבערשטער אז מיר זענען געגאנגען איין טאג שווימען ביי אונזער פעטער.

2) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א באלי, שכח אייבערשטער אז מיין מאמע האט מיר געקויפט א באלי.

*נחמן נתן וויינבערג, קרית ברסלב*

איך האב געמאכט א סיום מסכתא, פארן סיום האבן מיר געזען אז די גוטע זאכן פאר די סיום, איז נאכנישט אנגעקומען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל שוין אנקומען. שכח אייבערשטער אז ס'איז אנגעקומען צייטליך.

*הערשל אלימלך קאהן, קרית ברסלב, 9 יאר*

מיין רעדל פון די בייק איז געווען צוקראכט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ווערן פארראכטן.

שכח אייבערשטער אז מיין שכן האט געהאט א פאמפ צו בארגן, וואס מיט דעם האב איך געקענט צוריק פאררעכטן די רעדל פון די בייק.

*אליעזר שלמה יעקבאוויטש, בלומינגראוו*

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפלה, א מעשה פון תפלה געמאלן.

צו איבערהערן וויאזוי מען ציעט ארויס דעם גורל חודש אב
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# געמאלן

א מעשה פון תפלה

געמאלן דורך: חי' וועבערמאן תחי'

געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער געמאלן צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש פלעגט אלץ חזר'ן: ווער עס איז מעביר סדרה וועט האבן אריכות ימים!

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: דער ספר האט מיך געמאכט פאר א**

א. איד
ב. צדיק
ג. ערליכער איד
ד. ידען נפלא

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס!

## און די געווינער איז...

שיקט אריין די ענטפערס צו: 845.379.1161

**און גייט אריין נאכאמאל אין גורל!**

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק ראשון

**טו. כְּשֶׁנּוֹפֵל אֵיזֶה קֻשְׁיָא עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲזַי תִּשְׁתֹּק, וְעַל יְדֵי הַשְּׁתִיקָה מַחְשְׁבוֹתֶיךָ בְּעַצְמָם יָשִׁיבוּ לְךָ תֵּרוּץ עַל קֻשְׁיוֹתֶיךָ.**

וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין אִין קָאפּ אַ קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל; אוּן דוּרְכְ'ן שְׁוַוייגְן וֶועלְן דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אַלֵיין דִיר פַארְעֶנְטְפֶערְן דַיינֶע קַשְׁיוֹת.

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מען פארט שוין באלד אויף אומאן!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ד | ג | פ | ט | ש | ק | פ | צ |
| ב | ג | ע | ז | א | ג | ט | נ | ש |
| ש | ת | ל | ר | ה | ש | נ | ה | ר |
| ח | ל | ה | י | ב | מ | ר | ה | ש |
| י | ק | ד | צ | ע | י | ו | א | ט |
| ל | י | ש | ע | י | ב | א | ה | ב |
| ש | פ | ד | מ | ר | צ | ל | ד | ע |
| ק | ת | ג | י | ט | ט | ה | ס | ל |
| צ | ש | נ | ר | צ | ע | י | י | מ |
| ר | כ | א | י | ז | ע | א | ה | כ |
| נ | א | ט | ר | פ | ס | ל | צ | ב |
| ל | ג | ש | ל | כ | ו | מ | ה | ג |
| א | צ | ל | פ | ע | ט | נ | כ | ה |
| ז | ג | ש | כ | כ | ש | ס | ו | ת |
| ק | ג | ג | ר | ה | ז | פ | ז | ב |
| ב | א | י | ר | ס | א | י | נ | ג |
| ר | י | ז | נ | ע | ס | ט | י | ד |
| ר | ס | י | ז | ע | ס | ח | ל | נ |
| ל | ח | ח | ל | י | ר | ע | ש | א |
| ג | נ | א | צ | ו | ה | ש | ר | ש |

דער רבי האט געזאגט: "הָראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זיין ביי מיר ראש השנה איז גרעסער פון אלעס.

*(עצתו אמונה חקת תשע"ח)*

# קליין אין פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

**845.379.1161**

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



בייניש שארף

אליעזר שלמה פיש

טאבי רייזמאן



נתנאל היילפרין 10 יאר

# 10 דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

גענומען מיט רשות פון שיר ברסלב

# מיר זענען געטריי!!

מיר ווילן אייך פערזענליך
איינלאדענען צו א רייכע אווענט

## דעם זונטאג עקב
## אין היכל ראזענבערג
## 8:00 אווענט

**רייכע פארנדרעיזינג פאנעל מיט ר' יואל וועבערמאן הי"ו**

| אורח הכבוד | דבר ההנהלה | דבר המוסד |
|---|---|---|
| סופרייז וועטעראן פאנדרעיזער | ר' מנחם שטיינבערג הי"ו | הרב מרדכי אינדיג שליט"א |

מיר וועלן זוכה זיין צו הערן דברי התחזקות פון
**דער ראש ישיבה שליט"א**

**עס וועט זיין צוגעשטעלט א רייכע מאלצייט**

מיר ערווארטן אייך צו באגריסן

אנשי חיל
געטרייע
סאלדאטן

*sruliHeskel